STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07314

HENRIK ERLIKH UN VIKTOR ALTER

J. S. Hertz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. האַרט

הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער

אַ לעבן פון קעמפער — אַ טויט פון מאַרטירער

אַרויסגעגעבן דורך דער
אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פון אַלגעמיינעם
יידישן אַרבעטער־בונד („בונד") אין פּוילן

ניו־יאָרק, 1943

פּרייז 20 סענט

אינהאַלט:

זייט

* * * 5

העגריק ערליך 7

וויקטאָר אַלטער 16

ערליך און אַלטער אין וואָרט און שריפט 26

דער ערשטער אַרעסט 33

פון דער טויטן־קאַמער — צו דער פריי! 43

דער צווייטער אַרעסט 47

די שרעקלעכע בשורה 51

טרויער און פראָטעסט 58

די עפנטלעכע מיינונג פאַראורטיילט דעם מאָרד 69

דער משפט פון דער וועלט 95



הענריק ערליך

1941 — 1882

וויקטאָר אַלטער

1941 — 1890

צווישן די איוב־בשורות פֿון אייראָפּעישן שחיטה־הויז נאָך איינע: הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, צוויי פֿון די בעסטע און שענסטע פֿאַרשטייער פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין פּוילן, לעבן נישט מער...

צום פּוילן בעכער פּיין איז צוגעקומען נאָך אַ טראָפּן — דער ביטערסטער. די צוויי יידישע אַרבעטער־פֿירער זענען אומגעבראַכט געוואָרן נישט דורך דער געסטאַפּאָ, נאָר דורך דער ג. פּ. או.

וועגן זייער הינריכטונג האָט סוף פֿעברואַר 1943 געמאָלדן דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדאָר ליטווינאָוו דעם פֿירער פֿון דער אַמעריקען פֿעדערייישאַן אָוו לייבאָר, וויליאַם גרין. דער סאָוויעטישער אויסערן־קאָמיסאַר מאָלאָטאָוו — שרייבט ליטווינאָוו — האָט אים צוּוויסן געטון, אַז די צוויי פֿירער פֿון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין פּוילן זענען פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, און דער אורטייל איז אויסגעפֿירט געוואָרן.

אַ טיפֿער טרויער האָט באַדעקט אַלע, וועלכע האָבן זיי געקענט אָדער פֿון זיי געהערט; אַ שניידיקער צער האָט צעריסן די הערצער פֿון הונדערטער טויזנטער איבער גאָר דער וועלט. הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער — זיי, וועלכע האָבן געהערט צו די איידלסטע און בעסטע קינדער פֿון יידישן פֿאָלק און גלייכצייטיק צו די געטרייסטע און מוטיקסטע קעמפֿער פֿון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס — דערשאָסן ערגעץ־ווו אין אַן אומבאַוווסטער סאָוויעטישער תּפֿיסה!

לויט היטלערס באַפֿעל ווערן גרויסע טיילן פֿון אונזער פֿאָלק פֿאַרפּייניקט, פֿאַרגיפֿטעט, דערשאָסן. פֿינצטערע בשורות וועגן דער פֿאַרניכטונג פֿון מיליאָנען יידן אין די שטעט און אויף די פֿעלדער פֿון פּוילן דערשיטערן אונז טאָג־טעגלעך. און דאָך האָט אונז די ידיעה וועגן דער דאָזיקער עקזעקוציע באַזונדערס טיף געטראָפֿן, ווייל עס האַנדלט זיך דאָ נישט בלויז וועגן דעם טויט פֿון צוויי ריינע, אומשולדיקע מענטשן, — עס גייט וועגן עפּעס מער.

ווען דרייפֿוס איז פֿאַרמשפּט געוואָרן דורך אַ געריכט אין פֿראַנקרייך, איז דאָס געווען אַ פֿאַרשווערונג קעגן יידישן פֿאָלק און קעגן דער

פראַגרעסיווער וועלט; ווען דער פּשוטער רוסישער ייד מענדל ביילּיס איז מיט דריי צענדליק יאָר צוריק געזעסן אין קיעוו אויף דער באַ־שולדיקונגס־באַנק, איז אין זיין פּערזאָן געמשפּט געוואָרן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. דער פּראָצעס איז געווען אין דער זעלבער צייט אַ טייוו־לאָנישע פאַרשווערונג קעגן אַלע פרייהייט־שטרעבנדיקע כּוחות. די הינריכטונג פון ערליכן און אַלטערן און די מאָטיווירונג פון דער זאָזי־קער בלוט־טאַט (אַז זיי האָבן כּלומרשט אַגיטירט די רויטע אַרמיי זיך נישט צו שלאָגן קעגן די נאַצישע חיילות און שליסן אַ סעפּאַראַטן שלום מיט היטלערן) זענען נישט בלויז אַ בלוטיקער חוזק פון נאָרמאַלן מענטשלעכן פאַרשטאַנד, זיי זענען אויך אַ שפּיי אין פּנים דער געפּיי־ניקטער, אונטעריאָכטער און געמאָרדעטער יידישער באַפעלקערונג פון נאַצי־אייראָפּע; זיי זענען אַ קאָנספּיראַציע קעגן דער פרייער און אומ־אָפּהענגיקער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער פּראָצעס ערליך־אַלטער איז אָבער ווייט נישט פאַרענדיקט. ער איז אַרויס פון די חדרי־חדרים פון מאָסקווער קרעמל און איז גע־שטעלט געוואָרן פאַרן געוויסן פון דער וועלט. יעדער ייד, יעדער אַר־בעטער, יעדער סאָציאַליסט, יעדער סתם ערלעכער מענטש מוז אויפ־נעמען ביי זיך אין האַרצן דעם פּראָצעס און אַרויסטראָגן זיין אייגענעם אורטייל. אַזוי פאָדערט דאָס מענטשלעכע געוויסן, אַזוי פאָדערט די מענטשלעכע ערלעכקייט און ווירדע.

ווי אין יעדן געריכט, מוזן מיר אויך דאָ אָנהויבן מיט די אַזוי־גערופענע פּערסאָנאַליען. לאָמיר אַ בלעטער טון אין אָפענעם לעבנס־בוך פון די אומגעברענגטע.

הענריק ערליך

געבוירן אין יאָר 1882 אין לובלין. זיין פֿאָטער איז אין די ייִנגערע יאָרן געווען אַ חסיד, שפּעטער אַ משׂכּיל און איינער פֿון די עלטסטע און אַנגעזעענסטע חובבי־ציון. דער ייִנגער הענריק (הערש וואָלף) האָט געלערנט אין אַ חדר, און ער האָט אויך באַקומען וועלטלעכע בילדונג. צו 14 יאָר איז ער אַריין אין היי־סקול, וואָס ער האָט פֿאַרענדיקט מיט דער העכסטער אויסצייכענונג אין יאָר 1902.

זיין רייכע געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייט האָט ערליך אָנגעהויבן, ווען ער איז נאָך געזעסן אויף דער באַנק פֿון היי־סקול. אַלס אַ שילער פֿון לעצטן קלאַס איז ער צוגעשטאַנען צו אַ געהיימער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהאַט פֿאַר אַ ציל אויסצוהאַלטן אין אויסלאַנד די ייִדישע סטודענטן, וועלכע האָבן צוליב די צאַרישע אַנטיסעמיטישע באַגרע־נעצונגען („פּראָצענט־נאָרמע") נישט געקענט אָנקומען אין די רוסישע אוניווערזיטעטן. זומער 1902 איז ער געפֿאָרן קיין מאָסקווע אָנטייל צו נעמען אין אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון אָט דער אָרגאַניזאַציע. נאָכן צוריקקומען האָט ער אָרגאַניזירט הינטער וואַרשע אַ קאָנפֿערענץ פֿון די אָפּטיילונגען אויף דער פּוילישער טעריטאָריע. אין יענער צייט איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פֿאָרזיצער פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער ייִדישער סטודענטן־הילף־אָרגאַניזאַציע אויפֿן שטח פֿון פּוילן.

דער ייִנגער בחור האָט באַלד איינגעזען, אַז זיין אַרבעט צו העלפֿן ייִדישע סטודענטן, קרבנות פֿון צאַרישן רעזשים, איז נאָר אַ קליינער טייל פֿון אַ גרעסערער און ברייטערער אויפֿגאַבע: מען מוז אַרבעטן פֿאַר אַ ל ע ליידנדע פֿון ייִדישן פֿאָלק, פּונקט ווי מען מוז שטיין אין דינסט פֿון דער ג אַ נ צ ע ר אונטערדריקטער מענטשהייט. דעם בעסטן וועג אויף צו דינען אָט דער טאָפּלטער אויפֿגאַבע האָט ער געזען אין אַלגעמיינעם ייִדישן אַרבעטער־בונד, וואָס איז פֿאַר אים ווי פֿאַר טויזנ־טער אַנדערע געווען די פֿאַרקערפּערונג פֿון די שטרעבונגען פֿון די ייִדישע מאַסן צו נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער גאולה.

אַזוי דערנענטערט זיך הענריק ערליך צום „בונד", און טרעט אין אים אַריין ערב דער ערשטער רעוואָלוציע פֿון 1905.

זיין לעבן אַלס רעוואָלוציאָנער האָט זיך נאָך אָנגעהויבן פֿאַר זיין פֿאַרמעלן אַריינטריט אין „בונד". אין יאָר 1902 איז דער 20־יאָ־ריקער העניק אַנגעקומען אויפֿן יורידישן פֿאַקולטעט פֿון וואַר־שעווער אוניווערזיטעט. אין זעלבן יאָר איז ער געוואָרן אַרעסטירט — אַן אָנהויב פֿון אַ קייט אַרעסטן, טורמעס, פּראָצעסן און אַדמיניס־טראַטיווע פֿאַרשיקונגען — 5 מאָל אין צאַרישן רוסלאַנד, 1 מאָל אין דער פּוילישער רעפּובליק און לסוף 2 מאָל אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

ערליכס ערשטער אַרעסט איז געשען פֿאַר באַטייליקן זיך אין אַ דעמאָנסטראַציע אין וואַרשעווער שטאָטישן טעאַטער, בעת ס'איז גע־שפּילט געוואָרן אַן אַנטיסעמיטישע פּיעסע. ער איז דערפֿאַר אָפּגעזעסן דריי וואָכן אין טורמע.

דער צווייטער אַרעסט איז פֿאָרגעקומען ווינטער 1904, בעת ער האָט זיך באַטייליקט אין אַ דעמאָנסטראַטיווער לוויה פֿון אַ בונדישן טוער, וועלכער איז געשטאָרבן אין טורמע. דאָס מאָל זענען די קאָנ־סעקווענצן שוין געווען ערנסטערע. אַ חוץ דעם וואָס ער איז אָפּגעזעסן 3 חדשים אין תּפֿיסה, האָט מען אים אויך אויסגעשלאָסן פֿון וואַרשעווער אוניווערזיטעט.

דער אויסגעשלאָסענער סטודענט נעמט דעם וואַנדער־שטעקן און לאָזט זיך אַוועק איבער דער וועלט. ער קומט קיין בערלין, ווו ער פֿרוווט פֿאָרזעצן זיין שטודיום. ער לערנט פּאָליטישע עקאָנאָמיע און סאָציאַל־וויסנשאַפֿט. אָבער נישט לאַנג פֿאַרבלייבט ער דאָרט. עס ציט אים צוריק אַהיים דער רעוואָלוציאָנערער אויפֿברויז פֿון 1905.

אין קאַמף קעגן צאַריזם

נאָך די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין אָקטאָבער 1905 קומט ערליך צוריק קיין וואַרשע, ווו ער וואַרפֿט זיך אַריין מיט ברען אין דער פּאַרטיי־אַרבעט. ער געהערט צום וואַרשעווער קאָלעקטיוו — צום צענטער פֿון דער בונדישער באַוועגונג. ער אַרבעט האַנט אין האַנט מיט זיין פֿריינד — דעם גלענצנדן יונגען בונדישן פֿירער בראָניסלאַוו גראָסער. ער העלפֿט רעדאַגירן דעם אונטערערדישן בונדישן אָרגאַן אין דער פּוילישער שפּראַך „נאַשע האַסלאָ" און טוט אַנדערע וויכטיקע אַרבעטן. באַזונדערס האָט מען אים איבערגעגעבן אַקציעס, אין וועלכע יידישע אַרבעטער האָבן זיך נאָענט צונויפֿגעטראָפֿן מיט פּוילישע אַר־בעטער. פֿון די פֿאַרשידענע אַרבעטן פֿון יענער צייט זאָל דאָ דער־מאָנט ווערן דער קאַמף וואָס ער האָט אָנגעפֿירט, אַז מען זאָל נישט

אַפּזאָגן די יידישע אַרבעטער פֿון דער גרויסער פּאַפּיראָסן־פֿאַבריק „נאָבלעס״.

אין 1906 טראָגט זיך ערליך איבער קיין פּעטערבורג, ווו נעבן דער פּאָליטישער אַרבעט פֿאַרענדיקט ער זיין שטודיום אין אוניווערזי־טעט. אין 1908 קומט ער צוריק קיין וואַרשע.

די צאַרישע רעאַקציע איז שוין דאַן ווידער פֿעסט געזעסן אין זאָטל. די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס זענען געפֿאַלן אַלץ נידעריקער און נידעריקער. פֿון די ריזיקע קעמפֿערישע מחנות זענען געבליבן קליינע הייפֿלעך. הענריק ערליך האָט געהערט צו די הייפֿלעך געטרייע, וועלכע פֿאַרלאָזן קיינמאָל נישט די רויטע פֿאָן. פֿאָרמעל אַן אַדוואָקאַט — פֿאַקטיש אַן אומלעגאַלער פּאַרטיי־טוער און פֿרייהייט־קעמפֿער. אויפֿהאַלטן דעם פֿלאַם פֿון בונט קעגן צאַריזם, ראַטעווען פֿון אומקום די איבערגעבליבענע רעשטלעך פֿון דער אַרבעטער באַוועגונג — דערויף האָט ער געווידמעט זיין טאַלאַנט און זיינע כוחות.

ס׳איז אים אָבער נישט באַשערט געווען לאַנג צו טון אָט די וויכטיקע אַרבעט. אין יאָר 1909 ווערט ער ווידער אַרעסטירט. נאָכן אָפּזיצן עטלעכע חדשים אין טורמע, ווערט ער אַדמיניסטראַטיוו אַרויסגעשיקט מחוץ די גרענעצן פֿון פּוילן. ער נעמט צום צווייטן מאָל דעם וואַנדער־שטעקן און לעבט אַ געוויסע צייט אין פּאַריז.

אים ציט אָבער צוריק אַהין, ווו ער איז אַממערסטן נויטיק. ער קומט ווידער קיין רוסלאַנד און באַזעצט זיך אויף אַ געוויסער צייט אין טשיטאַ (מזרח סיביר) ביי זיין פֿריינד בראָניסלאַוו גראָסער. אין געדאַנק לעבן זיי אָבער ביידע מיט די יידישע און פּוילישע מאַסן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך געפֿילט אַזוי האַרציק פֿאַרבונדן. סוף 1910 קומען זיי צוריק קיין וואַרשע און אין אַ האַלב יאָר שפּעטער ווערט שוין קעגן ביידע פֿאַרפֿירט אַ פּראָצעס פֿאַר געהערן צום „בונד״. גראָסער ווערט אַרעסטירט, ערליך אַנטלויפֿט — פֿריִער קיין אוקראַינע און דערנאָך קיין אויסלאַנד.

ערליך האָט אָבער נישט געהערט צו די מענטשן, וועמען רעפּ־רעסיעס קענען ברעכן. ביי דער ערשטער געלעגנהייט איז ער ווידער דאָ אין רוסלאַנד. דאָס מאָל ביי אַ נייער, באַזונדערס וויכטיקער אַרבעט און אויף אַ נייעם הויכן פּאָסטן. דער 30־יאָריקער ערליך ווערט צו־קאָאָפּטירט אין צענטראַל קאָמיטעט פֿון „בונד״ און ווערט באַשטימט אַלס בונדישער פֿאַרשטייער אין דעם העכסטן אָרגאַן פֿון דער רוסלענ־דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (מענשעוויקעס) און אין ראַט

ביי דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פֿראַקציע פֿון דער פֿערטער רוסישער דומע (פּאַרלאַמענט).

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן איז אויסגעקומען צו פֿירן אַ פֿאַרביטערטן קאַמף קעגן דער רעכטלאָזיקייט פֿון די יידן, קעגן אַלע שרייענדע עוולות, וואָס די צאַרישע רעגירונג און איר אַדמיניסטראַציע זענען באַגאַנגען לגבי דער יידישער באַפֿעלקערונג. הענריק ערליך האָט געזאַמלט דעם נויטיקן מאַטעריאַל און געגעבן די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן אין רוסישן פּאַרלאַמענט אָנווייזונגען בנוגע יידישע ענינים.

פֿון 1913 האָט ער צוזאַמען מיט בייניש מיכאַלעוויטש, וואָס איז שפּעטער געווען דער באַליבטער טריבון פֿון די יידישע מאַסן אין פּוילן, און דוד זאַסלאַווסקי — היינט איינער פֿון די הויפּט פּובליציסטן פֿון דער מאָסקווער „פּראַוודאַ" — רעדאַגירט דעם באַוווסטן בונדישן צענטראַל־אָרגאַן אין פּעטערבורג — „די צייט". פֿון 1912 האָט ער אויך מיטגעאַרבעט אין דער גרויסער רוסישער ראַדיקאַל־דעמאָקראַטישער טאָג־צייטונג „דיען".

זומער 1913 איז ערליך ווידער אַרעסטירט געוואָרן. דאָס מאָל האָט אים די צאַרישע פּאָליציי גענומען אויפֿן אַלרוסלענדישן צוזאַמענפֿאָר פֿון די האַנדלס אָנגעשטעלטע אין מאָסקווע.

אַ גרויסע אַקטיווקייט האָט ער אויך אַרויסגעוויזן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. צוזאַמען מיט אַנדערע חברים האָט ער אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט אויף רוסיש — „יעווריעיסקיאַ וויעסטי". צווישן אַנדערן איז ער דאַן אויך געווען אַקטיוו אין דער אַרבעט פֿון „אָרט".

בראש פֿון דער גרויסער רוסלענדער רעוואָלוציע

די שטורמישע כוואַליעס פֿון דער גרויסער רוסלענדער רעוואָלוציע אין 1917 האָבן באַלד פֿון ערשטן מאָמענט אָן אַרויסגערוקט ערליכן אויפֿן סאַמע אויבנאָן. זיין שם אַלס אויסגעפּרוווטער רעוואָלוציאָנער און קעמפֿער קעגן צאַריזם און די ראַל פֿונם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אינם אַנטי־צאַרישן פֿרייהייטס־קאַמף זענען געווען זיין לעגיטימאַציע צו דער הויפּט־אָנפֿירונג פֿון דער רעוואָלוציע.

ער איז גלייך אין ערשטן מאָמענט אַריין אין אויספֿיר־קאָמיטעט פֿון אַרבעטער־סאָוויעט אין פּעטערבורג, וואָס איז דאַן געווען דער הויפּט צענטער פֿון דער רעוואָלוציע. שפּעטער, ווען ס'איז אויסגעטיילט געוואָרן אַן ענגערער אָנפֿירנדער אָרגאַן — דאָס ביוראָ פֿון סאָוויעט, איז אויך ערליך געוויילט געוואָרן אין זיין צוזאַ־

מענשטעל. אַחוץ דעם איז ער געווען אַ מיטגליד פֿון אַ ריי וויכטיקע קאָמיסיעס. אויפֿן פּלענום פֿון עקזעקוטיוו פֿלעגט ער אָפֿט אַרויס־טרעטן מיט רעדעס, באַריכטן און פֿאָרשלאָגן. ער איז אויך געווען דער פֿאַרפֿאַסער פֿון אייניקע דאָקומענטן פֿון היסטאָרישער באַדייטונג. צווישן אַנדערן האָט ער אָנגעשריבן די רעזאָלוציע, וואָס דער פּעטער־בורגער אַרבעטער־ראַט האָט אָנגענומען, אַז פּוילן האָט רעכט אויף זעלבסטשטענדיקייט און אומאָפּהענגיקייט. דעם פֿאָרשלאָג האָט ער אַריינ־געטראָגן צוזאַמען מיטן באַוווּסטן באָלשעוויק סאָקאָלאָוו.

אין יוני 1917 איז פֿאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפֿאָר פֿון די סאָוויעטן פֿון גאַנץ רוסלאַנד. ערליך איז דאַן אויסגעוויילט געוואָרן אין העכסטן אָרגאַן פֿון דער רעוואָלוציע — אין אַלרוסלענדישן צענ־טראַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פֿון די סאָוויעטן — דעם אַזוי־גערופֿענעם „ציק”. גלייכצייטיק האָט דער אַלרוסלענדער צוזאַמענפֿאָר פֿון די סאָ־וויעטן אָנפֿאַרטרויט ערליכן אַ ספּעציעלע וויכטיקע מיסיע. ער איז גע־ווען איינער פֿון די 5 מיטגלידער פֿון אַ דעלעגאַציע, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד, כּדי צו פֿאַרשטענדיקן זיך מיט די אַרבעטער־פּאַרטייען וועגן צונויפֿרופֿן אַן אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע שלום־קאָנפֿערענץ. די דעלעגאַציע האָט באַזוכט שוועדן, נאָרוועגיע, ענגלאַנד, פֿראַנקרייך און איטאַליע, ווו זי האָט איבערגעגעבן דעם הייסן פֿאַרלאַנג פֿון די רוסלענדער רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער און פּויערים, אַז מ׳זאָל וואָס גיכער דערפֿירן צו אַ שלום. ווי גרויס דער צוטרוי פֿון סאָוויעטן־צוזאַמענפֿאָר, אין וועלכן עס זענען געווען פֿאַרטרעטן אַלע שאַטירונגען פֿון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־ און פּויערים־באַוועגונגען, איז געווען צו ערליכן, קען מען זען פֿון דעם פֿאַקט, וואָס בעת מ׳האָט זיך געאַמפּערט וועגן צוזאַמענשטעל פֿון דער דעלע־גאַציע, איז ער געווען איינער פֿון צוויי „אייזערנע קאַנדידאַטן”, וועגן וועלכע ס׳איז נישט געווען קיין שום ספֿקות.

נאָכן צוריקקומען פֿון דער שליחות אין אויסלאַנד איז ערליך ווייטער געווען טעטיק אויף די פֿאַראַנטוואָרטלעכסטע פּאָסטנס פֿון דער רוסלענדער רעוואָלוציע.

זומער 1918 איז ער געקומען קיין פּוילן צוזאַמען מיט זיין פֿרוי (אַ טאָכטער פֿון גרעסטן יידישן היסטאָריקער פֿון אונזער צייט — שמעון דובנאָוו — און אַליין אַ באַוווּסטע שרייבערין און סאָציאַליסטישע טוערין) און זיינע 2 זין (שפּעטער אַקטיווע טוער פֿון דער יידישער סאָציאַליס־טישער יוגנט־באַוועגונג). ער האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע, ווו ער האָט אַריינגעשריבן איינס פֿון די גלענצנדסטע בלעטער אין דער גע־

שיכטע פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און פֿון פּויליש ן יידנטום בכלל.

פֿירער פֿון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין אומאָפּהענגיקן פּוילן

די ערשטע עפֿנטלעכע טעטיקייט פֿון ערליכן אין פּוילן, וואָס איז אין נאָוועמבער 1918 געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה, איז געווען אין וואַרשעווער אַרבעטער־ראַט. נאָכן סוף פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן, ווי אין אַ ריי אַנדערע אייראָפּעיִשע לענדער, אויך אין פּוילן זיך געבילדעט אַרבעטער־ראַטן, וואָס זענען געוויילט געוואָרן דירעקט דורך די אַרבעטער אין די פֿאַבריקן און אונטערנע־מונגען. ערליך איז געווען איינער פֿון די אָנגעזעענסטע פֿירער אין וואַרשעווער אַרבעטער־ראַט און פֿלעגט אָפֿט אין נאָמען פֿון עקזעקוטיוו אָפּגעבן באַריכטן אָדער רעפֿערירן וויכטיקע פֿראַגן

פֿון מערץ 1919 אָן פֿלעגט ער במשך פֿון 20 יאָר כסדר געוויילט ווערן ביי אַלע וואַלן אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט. ער איז אויך געוויילט געוואָרן אַלס פּרנס פֿון דער וואַרשעווער יידישער קהילה.

אין די ערשטע צייטן איז ער געווען דער רעדאַקטאָר פֿון דער בונדישער צייטונג אין דער פּוילישער שפּראַך „גלאָס בונדו" און פֿון 1921 — רעדאַקטאָר פֿון בונדישן טאָגבלאַט „פֿאָלקסצייטונג".

אויך אין פּוילן האָבן אים נישט אויסגעמיטן קיין פֿאַרפֿאָלגונגען. צענטליקער פֿון זיינע אַרטיקלען זענען קאָנפֿיסקירט געוואָרן דורך דער צענזור; פֿיל פֿון זיינע פֿאַרלעזונגען זענען פֿאַרבאָטן געוואָרן. אַלס רעדאַקטאָר פֿון „גלאָס בונדו" איז ער צוויי מאָל פֿאַרמשפּט געוואָרן — צו 6 און 2 חדשים טורמע. פֿון די פֿאַרפֿאָלגונגען אין אומאָפּהענ־גיקן פּוילן איז באַזונדערס כדאי צו דערמאָנען זיין אַרעסט אין יאָר 1920. דאָס איז געווען אין דער צייט פֿון דער סאָוויעטיש־פּוילישער מלחמה. סאָוויעט־רוסלאַנד האָט זיך געהאַט געווענדט וועגן אָפּשטעלן דעם קריג און צוטרעטן צו שלום־אונטערהאַנדלונגען. דער פּוילישער מלוכה־שעף פּילסודסקי, וועלכער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט ווייט־גייענדע דעראָבערונגס־פּלענער, האָט נישט געוואָלט הערן פֿון דעם. דאַן איז ערליך אַרויסגעטרעטן אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט מיט אַ מוטיקער און שאַרפֿער רעדע פֿאַר אָפּשטעלן די מלחמה קעגן סאָוויעט־רוסלאַנד. די רעדע האָט אַרויסגערופֿן אַ שטורם אין פּוילישן רע־אַקציאָנערן לאַגער און האָט גורם געווען, אַז ערליך זאָל אַרעסטירט

ווערן אויף דער צייט ביזן סוף פון דער מלחמה. צוזאַמען מיט אים האָט געזאָלט אַרעסטירט ווערן וויקטאָר אַלטער, אָבער ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן. אין דער זעלבער צייט זענען אַרעסטירט געוואָרן צענטליקער אַנדערע בונדישע טוער און די אָרגאַניזאַציעס פון „בונד" אין גאַנץ פוילן האָט די רעגירונג פאַרבאָטן צו עקזיסטירן.

אַ גלענצנדער אָראַטאָר און פובליציסט — שוין אָט די 2 מעלות האָבן אים געקענט אַוועקשטעלן אין פאָדערגרונט פון פּאָליטישן לעבן. ער האָט אָבער פאַרמאָגט נאָך אַ ריי אַנדערע ווונדערבאַרע אייגנשאַפטן. אַ מענטש מיט אַ קלוגן פּאָליטישן קאָפּ, וואָס קען יעדן ענין דורכטראַכטן אַלזייטיק; אַ וואַרעם האַרץ גרייט יעדן צו העלפן; אַ געפיל פאַר גערעכטיקייט און אַן איינגעבוירענע איידלקייט. — איז ער גאָר גיך געוואָרן נישט בלויז אַ צענטראַלע פיגור אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, נאָר אויך דער אַנערקענטער פירער פון די ברייטע יידישע מאַסן.

אין צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד", אויף די טריבונעס פון שטאָטראַט און קהילה, אויף יידישע און פוילישע אַרבעטער־צוזאַמענפאָרן, אויף גרויסע מאַסן־מיטינגען, — אומעטום האָט מען אים געהערט ערנסט און מיט רעספּעקט. די זעלבע באַציִונג צו זיך האָט ער געוווּנען אויפן פאָרום פון סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל, וווּ עס זענען געווען פאַרטרעטן מיליאָנען אָרגאַניזירטע אַרבעטער.

ווען ערליך איז זומער 1931 דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעטרעטן אויף דער טריבונע פון אינטערנאַציאָנאַל — אויפן קאָנגרעס אין ווין — איז זיין רעדע געווען געווידמעט דעם קאַמף קעגן היטלעריזם. ער האָט שאַרף קריטיקירט די דייטשע אַרבעטער־פירער פאַרוואָס זיי דערשאַצן נישט די גרויסע געפאַר פון דער נאַצי־באַוועגונג און נעמען נישט אָן די ריכטיקע קאַמפּס־מיטלען קעגן איר. היסטאָריש וועט בלייבן דער ווערטער־דועל אויפן ווינער קאָנגרעס צווישן אים, דעם פאָרשטייער פון די יידישע אַרבעטער, וועלכער האָט גערופן צו מאָביליזירן אַלע כּוחות קעגן דער דראָענדער היטלעריסטישער סכּנה, און אָטאָ וועלס, דעם פירער פון די דייטשע אַרבעטער, וועלכער האָט זיך און אַנדערע געוואָלט איינרעדן, אַז „דייטשלאַנד איז נישט איטאַליע".

די יידישע אַרבעטער פון וואַרשע און לאָדז, לובלין און ביאַליסטאָק און אַנדערע שטעט האָבן צענטליקער מאָל געהערט רעדן ערליכן און דאָך פלעגן זיי שטענדיק אויספילן די גרעסטע פאַרזאַמלונגס־זאַלן, ווען ער האָט באַדאַרפט דערשיינען אויף דער רעדנער־טריבונע.

העניק ערליך איז געווען אין גאַנצן אין רשות פֿון „בונד" און פֿון דער אַרבעטנדיקער יידישער באַפֿעלקערונג, ווען ער איז שטענדיק געווען גרייט צו דינען און ווען ער האָט געדינט ביזן לעצטן אָטעם. כמעט טאָג־טעגלעך פֿלעגט ער שרייבן לייט־אַרטיקלען, אַרויסטרעטן אויף פֿאַרזאַמלונגען אָדער אויספֿירן אַנדערע וויכטיקע פּאַרטיי־שליחותן.

אַן אַדוואָקאַט, מיט שאַנסן פֿון אַ גרויסער פֿאַך־קאַריערע, האָט ער וועגן דעם אין גאַנצן נישט געטראַכט. אַדוואָקאַטור איז פֿאַר אים געווען בלויז אַ טייל פֿון זיין גאַנצן פּאָליטישן קאַמף, וואָס ער האָט געפֿירט פֿאַר די רעכט פֿון די ליידנדע און אונטערדריקטע. אין זיי געריכט־זאַלן—ווי אין אַלע זיינע אַרויסטרעטונגען—איז ער שטענדיק געווען אַן אומבויגזאַמער קעמפֿער קעגן רעאַקציע און אַנטיסעמיטיזם, פֿאַר פֿרייהייט און גערעכטיקייט. ווען ער האָט אָנגעטון די טאָגע פֿון אַ פֿאַרטיידיקער אין געריכט־זאַל, איז עס געווען על פּי רוב אין אַ פּאָליטישן פּראָצעס — פֿון סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן אָדער סתם בירגער.

צוליב זיין אומדערמידלעכן פּאָליטישן קאַמף קעגן דער רעאַקציע, האָט דער פּוילישער אַדוואָקאַטן־ראַט אים נישט געוואָלט געבן זיין רעכט צו זיין אַ פֿולער אַדוואָקאַט. 10 יאָר האָט ער געמוזט דערפֿאַר ביטער קעמפֿן. די רעאַקציאָנערע פּוילישע אַדוואָקאַטן האָבן אים באַזונדערס נישט געקענט שענקען זיין באַרימטן אַרויסטריט אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט בעת דער פּויליש־סאָוויעטישער מלחמה.

פֿון ערליכס אַרויסטרעטונגען אין די פּוילישע געריכטן דאַרף מען דערמאָנען אייניקע שווערע פּראָצעסן פֿון קאָמוניסטן, ווו איבער די אָנגעקלאָגטע איז געהאַנגען די געפֿאַר פֿון טויט־שטראָף. אַזוי למשל, בעת אַ גרופּע ווייס־רוסישע פּויערים איז געמשפּט געוואָרן אין קאָברין, אַלס אָנגעקלאָגטע אין מלוכה־פֿאַראַט און עס האָט זיי געדראָט טויט־שטראָף, איז ערליך מצד די קאָמוניסטישע פּאַרטיידיקער אַרויסגערופֿן געוואָרן אַלס עקספּערט און זיינע דערקלערונגען האָבן אין אַ גרויסער מאָס די אָנגעקלאָגטע געראַטעוועט פֿון דער תּליה.

נישט די אַדוואָקאַטור, נישט די פּאַרטייאישע טעטיקייט, נישט קיין שום אַנדערע אַרבעט זיינע זענען פֿאַר ערליכן געווען אַ קוואַל פֿון גרויסע פֿאַרדינסטן. זיין הויפּט־הכנסה איז געווען די אָרימע פּענסיע אַלס רעדאַקטאָר פֿון דער בונדישער „פֿאָלקסצייטונג", ווו דער געהאַלט פֿון שעף־רעדאַקטאָר — 100 גילדן אַ וואָך (אָפֿיציעל ווייניקער פֿון 20 דאָלאַר — פּאַקטיש נישט מער פֿון 10 דאָלאַר) איז געווען פֿיל קלענער, ווי פֿון אַ דרוקער אַרבעטער.

אין גאַנץ פּוילן איז זיין רעפּוטאַציע געשטאַנען זייער הויך. נישט נאָר ביי יידן. מען האָט געדאַרפט זען וואָס פאַר אַ וואַרימע אויפנאַמעס מען פלעגט אים מאַכן בעת זיינע אַרויסטרעטונגען אויף מיטינגען אָדער צוזאַמענפאָרן פון פּוילישע אַרבעטער. אַפילו קאָמוניסטן, בפרט פון אַלטן דור, וועלכע האָבן אים נאָך געקענט פון די צאַרישע צייטן, האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט דער גרעסטער אַכטונג, הגם זיי האָבן אים און זיין פּאַרטיי פּאָליטיש ביטער באַקעמפט. אין יעדער שטאָט און שטעטל, ווו ער פלעגט קומען, איז דאָס פאַר אַ גרויסן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג געווען אַ געשעעניש, אַן אמתער יום־טוב. דורך און דורך אַ דעמאָקראַטישע נאַטור, האָט ערליך נישט געזוכט קיינעם אָנצווואַרפן זיינע געדאַנקען און זיין ווילן. ער האָט בלויז געוואָלט איבערצייגן, געווינען פאַר זיין שטאַנדפּונקט. און איז ער אַמאָל געווען אין דער מינדערהייט, האָט ער, דער אָנערקענטער פירער פון „בונד", געבויגן דעם קאָפּ און לאָיאַל אויסגעפירט דעם ווילן פון דער פּאַרטיי־מערהייט.

אין די שטורעמדיקע צוואַנציק יאָר צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, מיט די אומגעהויער קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען און צעגליטע ליידנשאַפטן, איז הענריק ערליך געווען דער רויִקער קאַפּיטאַן, וואָס האָט מיט אַ קלאָר אויג און זיכערער האַנט געפירט — צווישן פאַרלייגטע מינעס און אונטערוואַסער־פעלזן — די שיף פון די יידישע מאַסן אין פּוילן.

די לעצטע מינוטן אין ניו־יאָרק. הענריק ערליך צווישן פריינד און חברים אויף אַ שיף פאַרן אָפּפאָרן פון אַמעריקע, ווו ער איז געווען אָנהויב 1938 אין שייכות מיט די יובילייִ־פייערונגען פון „בונד".

וויקטאָר אַלטער

געבוירן אין מלאַווע אין יאָר 1890. דער פֿאָטער איז געווען אַ רייכער ייד און אַ הייסער חסיד.

גאָר יונג איז אַלטער אַריין אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. פֿון 1905 ביז זיין טויט אין די קעלערן פֿון ג. פּ. או. האָט ער 37 יאָר פֿון זיינע 52 אָפּגעגעבן דעם קאַמף פֿאַר פֿרייהייט און סאָציאַליזם. אויך זיינע נאָענטסטע זענען באַקאַנטע אַרבעטער־טוער. זיינס אַ שוועסטער און אַ יינגערער ברודער זענען געווען בונדישע ראַטמענער אין וואַרשעווער שטאָט־ראָט.

אַלס 15־יאָריקער שילער איז ער שוין באַווירקט געוואָרן דורך דער בונדישער באַוועגונג אַ דאַנק דעם, וואָס ביי זיי אין שטוב איז געווען אַ „יאַווקע" פֿון ראַיאָן־קאָמיטעט פֿון „בונד". די שוועסטער האָט דעם יונגן וויקטאָר אַריינגעצויגן אין טעכנישע קאָנספּיראַטיווע ענינים. אַליין האָט ער אין 1906 זיך באַטייליקט אין דעם באַרימט־געוואָרענעם פּוילישן שילער־שטרייק. ער האָט געהערט צו אַ שילער־קאָמיטעט, וואָס האָט געקעמפֿט קעגן צאַרישן בילדונג־סיסטעם אין די פּוילישע שולן. דער גאַנצער קאָמיטעט איז אַרעסטירט געוואָרן און צו 16 יאָר האָט שוין וויקטאָר אַלטער פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון טורמע. צוליב זיין מינדעריעריקייט האָט מען אים באַלד אַרויסגעלאָזט, דערביי אָבער האָט ער באַקומען אַ „וואָלפֿישן בילעט" — מען האָט אים אַרויס־געוואָרפֿן פֿון היי־סקול אָן רעכט ווייטער זיך צו לערנען אין וועלכער נישט איז שול אויפֿן גאַנצן שטח פֿון דער אַמאָליקער צאַרישער אימ־פּעריע.

אַלטער איז דאַן אַוועק קיין בעלגיע. אַ דאַנק זיינע גרויסע פֿעיִקייטן, האָט ער במשך פֿון גאָר אַ קורצער צייט באַלייגט עקזאַמען אַלס עקסטערן און איז אָנגעקומען אין פּאָליטעכניקום אין ליעזש; שפּעטער האָט ער שטודירט אין גענט. אין יאָר 1910 האָט דער 20־יאָריקער אַלטער שוין געהאַט פֿאַרענדיקט 2 פּאָליטעכנישע פֿאַקולטעטן — עלעקטריציטעט און מעכאַניק.

נאָכן פֿאַרענדיקן דעם שטודיום האָט ער זיך געמאָלדן צו דער אָנפֿירונג פֿון „בונד", ווו ער איז שוין אַ פּאָר יאָר געווען אַ מיטגליד,

אַז מען זאָל אים שיקן אויף אומלעגאַלער אַרבעט קיין רוסלאַנד. אין יאָר 1912 איז ער אַלס שליח פֿון „בונד" געקומען קיין וואַרשע מיטן ציל אָנצופֿירן דעם קאַמפּיין פֿון די יידישע אַרבעטער צו די געפּלאַנטע פֿאַרזיכערונגס־קאַסעס. לאַנג איז אים אָבער נישט באַשערט געווען צו טון זיין וויכטיקע אַרבעט. די צאַרישע אָכראַנע איז געפֿאַלן אויף זיינע שפּורן און האָט אים אַרעסטירט.

אַ געוויסע צייט איז ער געזעסן אין טורמע און דערנאָך האָט מען אים פֿאַרשיקט קיין סיביר. אַהין איז ער אָנגעקומען שוין מיט אַ צו־געגרייטן פּאַספּאָרט צווישן די זוילן פֿון זיינע שיך, און גאָר גיך איז ער פֿון וויטן קאַלטן צפֿון אין סיביר אַנטלאָפֿן קיין אויסלאַנד.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך וויקטאָר אַלטער גע־פֿונען אין ענגלאַנד. ער האָט דאָרט געאַרבעט אין אַ פֿאַבריק אַלס פּשוטער אַרבעטער און דערנאָך אַלס אינזשעניער. ער האָט פֿאַר־נומען אַן אויסגעשפּראָכן קעגנערישע שטעלונג צום דעמאָלטיקן קריג און האָט געהערט צום לינקן אינטערנאַציאָנאַליסטישן פֿליגל פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ער איז געווען טעטיק אין דער ענגלישער אַרבעטער־באַוועגונג און האָט געהערט צו דער אומאָפּהענגיקער אַר־בעטער־פּאַרטיי (איי. על. פּי.), דעמאָלט אַ באַשטאַנד־טייל פֿון דער לייבאָר־פּאַרטיי. אין ענגלאַנד האָט אַלטער זיך שטאַרק באַפֿריינדעט מיט טשיטשערינען, דעם שפּעטערדיקן סאָוויעטישן אויסערן־קאָמיסאַר.

אין דער רוסלענדער רעוואָלוציע

די גרויסע רוסלענדער רעוואָלוציע פֿון 1917 האָט אים נישט גע־לאָזט פֿאַרבלייבן אין ענגלאַנד. אים האָט געצויגן צום ברויזנדן פּאָלי־טישן לעבן. ער זעצט זיך אויף אַ שיף און צוזאַמען מיט אַ ריי אַנדערע רוסלענדער רעוואָלוציאָנערן פֿאָרט ער אָפּ קיין רוסלאַנד.

ער איז טעטיק פֿריִער אין אוקראַינע און שפּעטער אין מאָסקווע. אין זעלבן יאָר (1917) ווערט ער אויסגעקליבן אין צענטראַל־קאָמיטעט פֿון „בונד".

נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש איז ער נאָך געווען אַ געוויסע צייט ווייטער טעטיק אין דער פּאָליטישער אַרבעט אויף דער טעריטאָריע פֿון רוסלאַנד. אין יולי 1918 האָט ער זיך נאָך באַ־טייליקט אין אַן אַרבעטער־קאָנפֿערענץ, אין מאָסקווע, וואָס די סאָ־ציאַליסטן האָבן צונויפֿגערופֿן. די אָנטיילנעמער פֿון דער דאָזיקער קאָנפֿערענץ זענען אַרעסטירט געוואָרן. דאַן האָט וויקטאָר אַלטער

דאָס ערשטע מאָל, אָבער נישט דאָס לעצטע, פאַרזוכט דעם טעם פון סאָוויעטישער תּפיסה.

דאָס צווייטע מאָל איז אַלטער געזעסן אַ קורצע צייט אין אַ סאָוויעטישער תּפיסה זומער 1921. ער איז דאַן געווען אַ דעלעגאַט פון „בונד" אין פּוילן אויפן צווייטן קאָנגרעס פון „קאָמינטערן" (דער „בונד" ווי אַ ריי אַנדערע לינק־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָט דעמאָלט געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן צושטיין צום „קאָמינטערן"). פאַר איבערגעבן אַ בריוו פון אַן אַרעסטירטן רוסישן סאָציאַליסט צו דער דעלעגאַציע פון דער ענגלישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט מען אַלטערן אַרעסטירט. אַלס פּראָטעסט קעגן דעם האָט ער באַלד דער־קלערט אַ הונגער־שטרייק, וואָס האָט געדויערט 11 טעג. אין יענער צייט, נאָך ווייט פון דער עפּאָכע פון די „מאָסקווער פּראָצעסן", האָט מען זיך נאָך אין קרעמל אַ ביסל גערעכנט מיט דער עפנטלעכער מיינונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטערשאַפט. כּדי אויסצומיידן אַ סקאַנדאַל, האָט מען אַלטערן אַרויסגעלאָזט פריי.

דענקער, קעמפער און פּראַקטישער טוער

אָנהויב 1919 איז וויקטאָר אַלטער צוריקגעקומען קיין פּוילן. ער באַזעצט זיך אין דער הויפּט־שטאָט וואַרשע, וווּ ער פאַרנעמט באַלד אַן אָנגעזעענעם אָרט.

ער האָט זיך באַרימט געמאַכט אַלס רעדנער און שרייבער, אַלס פּאָליטישער דענקער און פּראַקטישער טוער אויף אַ ריי געביטן. ער איז נעבן ערליכן געוואָרן דער אָנערקענטער פירער פון „בונד" און פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין פּוילן.

זיין געדאַנק האָט קיינמאָל נישט גערוט. זיין קאָפּ האָט תּמיד געזוכט עפּעס נייעס, געזוכט אַן ענטפער אויף די פּראָבלעמען, וואָס דאָס לעבן האָט אַרויסגערוקט. ער האָט אָפטמאָל די פּראָבלעמען דערזען פריער פאַר אַנדערע, און אויך פריער פאַר אַנדערע געפּרוּווט געבן אַ לייזונג.

באַזונדערס שטאַרק האָבן אים אינטערעסירט די עקאָנאָמישע פראַגן — דער קאַמף קעגן נויט און אַרבעטלאָזיקייט. נאָך אין דער צייט, ווען כּמעט אַלע האָבן געמיינט, אַז דער סכום גאָלד, וואָס אַ מלוכה באַזיצט, דעצידירט וועגן אירע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן, האָט וויקטאָר אַלטער געפּרוּווט באַווייזן, אַז עס קענען דערגרייכט ווערן גרויסע עקאָנאָמישע דערפאָלגן אין פאַרשידענע לענדער, אויך ווען

זיי זענען אָרעם אין געלד. מיט יאָרן שפּעטער איז דער דאָזיקער געדאַנק געוואָרן באַקרעפֿטיקט דורך פֿאַקטן און איז היינט כּמעט אַן אַלגעמיין אָנגענומענער אמת.

קרוב 20 יאָר צייט איז וויקטאָר אַלטער געווען דער געוויילטער פֿאָרשטייער פֿון די יידישע אַרבעטער אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט און אין מאַגיסטראַט — דעם אויספֿיר אָרגאַן פֿון דער שטאָטישער זעלבסטפֿאַרוואַלטונג. דאָרט האָט ער זיך אויסגעצייכנט נישט בלויז מיט זיין בקיאות אין קאָמונאַלער ווירטשאַפֿט. ער איז אויך געווען אַ מוסטער פֿון אַ סאָציאַליסטישן קאָמונאַלן טוער, וואָס פֿאַרשטייט צו זיין גלייכצייטיק אי קעמפֿעריש אי פּראַקטיש, אי רעוואָלוציאָנער אי רעאַליסטיש.

אין גאַנג פֿון זיין אַרבעט אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט און מאַגיסטראַט האָט ער זיך ענג פֿאַרבונדן מיט די ברייטסטע אָרעמע יידישע שיכטן, וועלכע פֿלעגן צו אים אָפֿט קומען נאָך עצות און פּראַקטישער הילף. און הילף האָט ער קיינעם נישט אָפּגעזאָגט. ער האָט זיך תּמיד באַטראַכט פֿאַר אַ דינער פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג און האָט געהאָלפֿן יעדן, וועלכער האָט זיך צו אים געווענדט. טויזנטער, טויזנטער יידן פֿון וואַרשע האָבן ביי אים געזוכט שוץ קעגן די עוולות, וואָס זיי האָבן געליטן פֿון דער שטאָט. און זיי האָבן זיין שוץ שטענדיק באַקומען. „דורך קאַמף קעגן די עוולות לגבי אַ יחיד, וואָס ווערן באַגאַנגען דורך דער רעאַקציאָנערער און אַנטיסעמיטישער מערהייט פֿון דער וואַרשעווער שטאָטישער אָנפֿירונג, באַקעמף איך די רעאַקציאָנערע און אַנטיסעמיטישע פּרינציפּן פֿון דער מערהייט פֿון אונזערע וואַרשעווער שטאָט־באַלעבאַטים" — פֿלעגט ער אָפֿטמאָל זאָגן.

זיינע אַרויסטרעטונגען אין שטאָט־ראַט זענען געווען זאַכלעכע און גלייכצייטיק פֿול מיט שאַרפֿע פֿיילן קעגן דער רעאַקציע. פֿלעגט ער טאַקע נישט איינמאָל אויפֿשטורמען דעם פּאַרלאַמענט פֿון פּוילנס הויפּט־שטאָט און די רעאַקציאָנערע און אַנטיסעמיטישע פּוילישע פּרעסע פֿלעגט אים ביטער אַטאַקירן.

אַלטער האָט זיך זייער פֿיל אָפּגעגעבן מיט זשורנאַליסטישער טעטיקייט אין דער פּוילישער שפּראַך. אין הערבסט 1931 איז אים געלונגען צו רעאַליזירן זיינעם אַן אַלטן פּלאַן — ער האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ סאָציאַליסטישע טעגלעכע קאַמפּס־צייטונג אין דער פּוילישער שפּראַך („פּיסמאָ צאָדזיענע").

געדרוקט אין דער דרוקעריי פֿון דער בונדישער „פֿאָלקסצייטונג", נישט פֿאַרמאָגנדיק די נויטיקע פֿינאַנציעלע מיטלען, האָט זיך די צייטונג

געהאַלטן אויסשליסלעך אַ דאַנק דער ענערגיע, איבערגעגעבנקייט און אַרבעטזאַמקייט פֿון אַלטערן און עטלעכע מיטאַרבעטער. ס׳איז געווען אַ זייער מוטיקע קאַמפּסטריבונע קעגן רעאַקציע, קאַפּיטאַליזם, אַנטי־סעמיטיזם. אָבער טאָקע דערפֿאַר איז זי דורך דער פּוילישער רעגירונג מוראַדיק פֿאַרפֿאָלגט געוואָרן. טאָג נאָך טאָג האָט די צענזור זי קאָנפֿיסקירט. געווען אַפֿילו טעג ווען נאָך דער ערשטער קאָנפֿיסקאַציע איז געקומען אַ צווייטע און אַ דריטע פֿון די ווייטערדיקע אויפֿלאַגעס. און ווען דאָס אַלץ האָט נישט געבראַכן די רעדאַקציע מיט אַלטערן בראָש, האָט די רעגירונג פֿאַרמאַכט די דרוקעריי און אַזויערנאָך געמאַכט אונמעגלעך די דערשיינונג סיי פֿון דער דאָזיקער פּוילישער צייטונג, סיי פֿון דער בונדישער „פֿאָלקסצייטונג״.

און נאָך אַן עפּיזאָד איז ווערט דאָ צו דערמאָנען. אין מאַי 1935 איז געשטאָרבן יוזעף פּילסודסקי. אַלטער איז צו יענער צייט געווען רעדאַקטאָר פֿון בונדישן וואָכנבלאַט אין דער פּוילישער שפּראַך „נאָווע פּיסמאָ״. ווי אַלע צייטונגען, האָט דעמאָלט אויך די „נאָווע פּיסמאָ״ פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן פּילסודסקין, אָבער אין קעגנזאַץ צום רוב פּוילישע צייטונגען איז דאָס געווען אַ קריטישער אַרטיקל, נישט קיין טרויער־אַרטיקל אין אַ שוואַרצער ראַם. אַלס שטראָף דערפֿאַר איז דער זשורנאַל פֿאַרמאַכט געוואָרן און אַלטערן גופֿא האָבן געדראָט ערנסטע קאָנסעקווענצן.

פּירער פֿון די יוניאָנס

אַ חוץ זיין ברייטער פּאָליטישער טעטיקייט אַלס מיטגליד פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון „בונד״, אַלס בונדישער פֿאָרשטייער אין דער וואַרשעווער זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג, אַלס מיטאַרבעטער פֿון דער „פֿאָלקסצייטונג״ און רעדאַקטאָר פֿון בונדישע וואָכנבלעטער אין דער פּוילישער שפּראַך, איז וויקטאָר אַלטער אויך געווען איינער פֿון די הויפּט־בויער און הויפּט־פּירער פֿון דער יידישער און אַלגעמיינער יוניאָן באַוועגונג אין פּוילן, פֿון אַרבעטער־קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון, פֿון אַרבעטער־קרעדיט־צענטראַלע, פֿון פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון און וווינונג־קאָאָפּעראַטיוו.

אַ באַזונדער הערלעך און וויכטיק קאַפּיטל שטעלט מיט זיך פֿאָר זיין טעטיקייט אַלס יוניאָן־פּירער. אַלטער איז כּמעט פֿון סאַמע אָנהויב געשטאַנען אין שפּיץ פֿון דער יידישער יוניאָן־באַוועגונג אין אומאָפּהענגיקן פּוילן. נאָך 1922, ווען די יידישע יוניאָנס האָבן זיך

פֿאַראייניקט מיט די פּוילישע און צוזאַמען אויסגעבילדעט אַ פֿאַראייניקטע אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָן־באַוועגונג פֿון גאַנץ פּוילן, איז אַלטער געוואָרן דער וויכטיקסטער וואָרט־פֿירער און פֿאַרטרויונגס־מאַן פֿון דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט אין דער אַלגעמיינער יוניאָן־באַוועגונג פֿון לאַנד. ער איז געווען די גאַנצע צייט זינט דער אַנטשטייונג פֿון דער דאָזיקער אינסטיטוציע (אין 1922) דער פֿאָרזיצער פֿון לאַנד־ראַט פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען — אַ פֿאַראייניקונג פֿון יוניאָנס, וואָס האָט פֿונקציאָנירט, ווי אַן אויטאָנאָמער טייל פֿון דער אַלגעמיינער פֿעדעראַציע פֿון די יוניאָנס אין פּוילן און האָט אַרומגענומען די יידישע אַרבעטער פֿון אַלע פֿאַכן און פֿאַרשידענע ריכטונגען, די קאָמוניסטן איינגעשלאָסן. די אָנגעשלאָסענע אין לאַנד־ראַט פֿאַריינען האָבן אין לעצטן פּעריאָד געציילט בערך 100 טויזנט מיטגלידער.

וויקטאָר אַלטער איז געווען דער פֿירנדער גייסט פֿון די יידישע יוניאָנס. ער האָט זיי געהאָלפֿן אָרגאַניזירן, ער האָט אַוועקגעשטעלט פֿאַר זיי די וויכטיקסטע אַלגעמיינע פּראָבלעמען און, ווען נויטיק, צו געהאָלפֿן אין די גרויסע אַקציעס און שטרייקן. אויפֿן געביט פֿון דער יוניאָן־באַוועגונג האָט ער אויך דעם היסטאָרישן פֿאַרדינסט, וואָס ער איז געווען איינער פֿון די, וועלכע האָבן געהאָלפֿן פֿאַראייניקן די יידישע אַרבעטער מיט דער אַלגעמיינער יוניאָן־באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגענומען די פּוילישע אַרבעטער, ווי אויך די אַרבעטער פֿון אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אין עקזעקוטיוו פֿון דער פֿעדעראַציע פֿון אַלע יוניאָנס פֿון לאַנד האָט וויקטאָר אַלטער נישט נאָר רעפּרעזענטירט די יידישע אַרבעטער, נאָר אויך אויסגעאיבט אַן איינפֿלוס אויף דער פּאָליטיק פֿון דער אַלגעמיינער יוניאָן־באַוועגונג. גאַנץ אָפֿט פֿלעגט די פֿעדעראַציע פֿון אַלע יוניאָנס אים שיקן אַלס איינעם פֿון אירע דעלעגאַטן אויף די קאָנגרעסן און עקזעקוטיוו־זיצונגען פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל, ווו ער האָט געצויגן אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט סיי מיט זיין זאַכלעכקייט און באַהאַוונטקייט, סיי מיט דער פֿרישקייט און אָריגינעלקייט פֿון זיין געדאַנק.

ווי אומעטום, האָבן אויך אין פּוילן די יוניאָנס נישט אויסגעמיטן קיין ברידער־קריגן און שאַרפֿע צוזאַמענשטויסן. וויקטאָר אַלטער האָט זיך שטענדיק באַמיט צו געפֿינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך אין אַרבעטער־לאַגער, אַרויסרוקן אין פֿאָדערגרונט דאָס, וואָס פֿאַראייניקט און נישט דאָס, וואָס עס צעטיילט זיי. דערביי האָט ער שטענדיק געדענקט, אַז פּשרות, אַפֿילו אין אַרבעטער־לאַגער גופֿא, קענען געמאָלט זיין נאָר ביז אַ געוויסער גרענעץ, ווען זיי דראָען נישט צו פֿאַרווישן

די גרונט־פּרינציפּן פון דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג.

די יוניאָן־אַרבעט, וואָס האָט ביי אים אָוועקגערויבט אַזוי פיל צייט און ענערגיע, האָט אַלטער במשך פון פיל יאָר געטון אָן שום מאַטעריעלער באַלוינונג. אין די יאָרן, ווען ער איז געווען אין וואַרשעווער מאַגיסטראַט, האָט ער באַקומען דערפאַר אַ גאַנץ הויכן געהאַלט, דעם דאָזיקן געהאַלט האָט ער אָוועקגעגעבן דער פּאַרטיי. געלעבט האָט ער פון דער באַשיידענער פּענסיע אַלס אָנגעשטעלטער פון דער אַרבעטער־קרעדיט־צענטראַלע און אין די לעצטע יאָרן פון די מאָגערע פאַרדינסטן אַלס שרייבער און זשורנאַליסט.

צוויי פון זיינע טאַטן זענען ווערט באַזונדערס אויסגערעכנט צו ווערן. נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט האָט וויקטאָר אַלטער, צוזאַמען מיטן נישט־לאַנג פאַרשטאָרבענעם סעקרעטאָר פון טראַנספּאָרט־אַרבעטער אינטערנאַציאָנאַל, עדאָ פימען, און נאָך אַ דריטן אַרבעטער־טוער, אָרגאַניזירט אַ געהיימע ראַדיאָ־סטאַציע. איר ציל איז געווען צו שיקן פרייהייט־ידיעות צום פאַרשקלאַפטן דייטשן פאָלק. די געהיימע ראַדיאָ־סטאַציע, וואָס אַלטער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן און אַלס אינזשיניער אַליין געהאָלפן בויען, איז געוואָרן איינגעאָרדנט אויף אַ שיף ביים פּוילישן ים־ברעג.

און די צווייטע טאַט. נאָכן צוריקקומען פון שפּאַניע, ווו ס׳איז אָנגעגאַנגען דער בירגער־קריג, האָט אַלטער אַנטוויקלט אַ זייער ברייטע פּראָפּאַגאַנדע־טעטיקייט פאַר העלפן דעם קאַמף פון די שפּאַנישע פאָלקס־מאַסן קעגן פראַנקאָ און זיינע אונטערשטיצער, היטלער און מוסאָליני. ער האָט דאַן אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלע בראָשור אין דער פּוילישער שפּראַך, געווידמעט דעם שפּאַנישן פרייהייטס־קאַמף (אין דער בראָשור איז אויך געווען געדרוקט אַן אַרבעט פון דעם באַרימטן עסטרייכישן שוץ־בונד־פירער און גענעראַל פון דער שפּאַנישער רעפּובליקאַנישער אַרמיי, יוליוס דויטש). ער איז אויך געווען צווישן אַ קליינער גרופּע פּוילישע יוניאָן־טוער, וועלכע האָט אָרגאַניזירט אַ געווער־שמוגל פון פּוילן פאַר די שפּאַנישע פרייהייט־קעמפער.

מחבר פון וויכטיקע ווערק

זייענדיק ביז איבערן קאָפּ איינגעטון אין דער טאָג־טעגלעכער פּאָליטישער און פּראַקטישער אַרבעט, האָט ער דאָך אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס צו טעאָרעטישע פּראָבלעמען. ביי זיין גאַנצער פאַר־

נומענקייט האָט ער געפֿונען צייט און געדולד אָנצושרייבן אייניקע גרע־סערע ווערק, וועלכע זענען דערשינען אין יידיש, פּויליש און פֿראַנ־צויזיש. (ער האָט באַהערשט 7 שפּראַכן: יידיש, פּויליש, רוסיש, פֿראַנ־צויזיש, ענגליש, דייטש און איטאַליעניש).

לאָמיר דאָ אָנווייזן אויף אייניקע פֿון זיינע ווערק:

1. וואָס איז אַזוינס אַרבעטער־קאָאָפּעראַציע ? (יידיש);
2. דער אמת וועגן פּאַלעסטינע (יידיש);
3. דער סאָציאַליזם אין קאַמף (יידיש און פּויליש);
4. ווי אַזוי פֿאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם ? (פֿראַנצויזיש);
5. ווי אַזוי באַקעמפֿן די אַרבעטסלאָזיקייט ? (פּויליש);
6. שפּאַניע אין פֿייער (פּויליש);
7. ווען סאָציאַליסטן וועלן קומען צו דער מאַכט . . . (סקיץ פֿון אַ פּראָגראַם פֿון סאָציאַליסטישער איבערבוי־אַרבעט — פּוי־ליש און פֿראַנצויזיש);
8. דער ווירטשאַפֿטלעכער אַנטיסעמיטיזם אין ליכט פֿון ציפֿערן (פּויליש; פֿאַרשפּרייט געוואָרן מאַסנווייז צווישן די פּוילישע אינטעלעקטועלע קרייזן);
9. צו דער יידן־פֿראַגע אין פּוילן (יידיש);
10. דער מענטש אין דער געזעלשאַפֿט.

דאָס לעצטע בוך איז אַרויס אין פּויליש, דער מחבר האָט אויך צוגעגרייט אַן אויסגאַבע פֿון זעלבן בוך אין פֿראַנצויזיש, צו וועלכן לעאָן בלום האָט אָנגעשריבן אַ באַגייסטערטע פֿאָררעדע. צוליבן מלחמה־אויסברוך האָט די פֿראַנצויזישע אויסגאַבע שוין נישט געקענט דער־שיינען.

יאָ, וויקטאָר אַלטער האָט אָנגעשריבן נאָך אַ בוך — דאָס מאָל אַ ריין ווּיסנשאַפֿטלעך ווערק, אָן פּאָליטיק. דאָס איז אַ בוך וועגן פֿיזיק. ס׳איז זיין לעצט לעבנס־ווערק און געשריבן האָט ער עס אין דער סאָוויעטישער טורמע בעת זיין ערשטן אַרעסט.

לכתחילה האָט אים די סאָוויעטישע תּפֿיסה־מאַכט נישט געגעבן די מעגלעכקייט צו שרייבן דאָס דאָזיקע ווערק. ער האָט דעריבער גע־קעמפֿט (מיט הונגער שטרייקן) און ער האָט געפּועלט, מען זאָל אַ טייל אָנגעשריבענע בלעטלעך צושיקן אַלס פּראָבע צו דער סאָוויעטישער ווּיסנשאַפֿטלעכער אַקאַדעמיע, כּדי זי זאָל אַרויסזאָגן איר מיינונג וועגן דער אַרבעט. איר ענטפֿער איז געווען, אַז דאָס ווערק האָט אַ ווּיסנשאַפֿטלעכן ווערט און דאַרף אָנגעשריבן ווערן. אַזוי אַרום האָט אַלטער באַקומען אַ מעגלעכקייט צו פֿאַרפֿאַסן אין טורמע אַ ווערק

ווען פֿיזיק, וואָס דאַרף זיך געפֿונען אין רשות פֿון דער סאָוויעטישער וויסנשאַפֿטלעכער אַקאַדעמיע.

ווען ער איז שוין געווען אין שאָטן פֿון טויט, האָט ער געווענדט זיין בליק צו די אייביקע אמתן און גרונט־געזעצן פֿון לעבן, וואָס קיין שום טיראַן און הענקער קאָנען נישט ענדערן.

אַ פּלאַן, וואָס די מלחמה האָט צעשטערט

בכלל איז מאַטעמאַטיק געווען זיין ליבלינג. אין איר האָט ער געפֿונען אַ גייסטיקן אָפּרו נאָך דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט. שעהן פֿלעגט ער זיצן און אַרבעטן איבער קאָמפּליצירטע מאַטעמאַטישע אויפֿגאַבן.

שווערע פּראָבלעמען האָבן אים געלאָקט, ער האָט זיי ליידנשאַפֿטלעך געזוכט, אָבער נישט לשם מוח־גימנאַסטיק, נאָר כּדי צו געפֿינען פֿאַר זיי אַ קאָנקרעטע לייזונג. אין דער הינזיכט איז כאַראַקטעריסטיש זיין פּלאַן וועגן קאַרטוז־בערעזע. אין פּוילן האָט אין די לעצטע יאָרן פֿאַר דער מלחמה עקזיסטירט אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין שטעטל קאַרטוז־בערעזע. דער רעזשים איז דאָרט געווען אַ מוראדיקער, די באַציִונג צו די אַרעסטירטע אַ שענדלעכע, אַן אמתער פּייניקונגס־לאַגער. די אַרבעטער־פּרעסע האָט געפּרוווט פּראָטעסטירן, אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך באַמיט צו רעאַגירן—אָבער יעדער פּרווו פֿון פּראָטעסט איז ברוטאַל דערשטיקט געוואָרן. קאַרטוז־בערעזע איז דורך די ליבעראַלע עלעמענטן פֿון לאַנד באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אייטערדיקע וווּנד, צו וועלכער מען קען זיך נישט צורירן. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז אין די לעצטע וואָכן פֿאַרן קריגס־אויסברוך ביי אַלטערן רייף געוואָרן דער געדאַנק צו באַגיין אַזאַ טאַט, פֿאַר וועלכער מען פֿלעגט געוויינלעך שיקן קיין קאַרטוז־בערעזע. קומענדיק אַהין, האָט ער געפּלאַנט, וועט ער נישט אויספֿירן די בייזווילע פֿאַראָרדענונגען, וואָס וועט זיך מוזן פֿאַר אים ענדיקן מיטן איינציק מעגלעכן רעזולטאַט: טויט אונטער די קלעפּ פֿון די פּאָליציאַנטן. זיין טויט, האָט ער געטענהט, וועט מוזן אַרויסרופֿן אַ שטורעם אין לאַנד און וועט אפֿשר ווירקן אויף צו לינדערן די לאַגע פֿון די הונדערטער, וואָס האָבן דאָס אומגליק אַריינצופֿאַלן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. ער האָט וועגן דעם גערעדט מיט זיינע נאָענטסטע. הגם זיי האָבן אים שטאַרק אָפּגערעדט דערפֿון, האָט ער זיך פֿאַרט דערצו געגרייט, און נאָר די אָנקומענדיקע מלחמה־געשעענישן האָבן זיין פּלאַן צונישט געמאַכט.

שליחי־צבור פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג

פּוילן איז אין די לעצטע יאָרן פֿאַרן איצטיקן קריג געווען אַן אָרענע פֿון שאַרפֿע פּאָליטישע און סאָציאַלע קאַמפֿן; צו דעם האָט נאָך די יידישע באַפֿעלקערונג געהאַט אויסצושטיין פֿון דער ביטערער פּלאָג פֿון אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד. די יידן האָבן דערפֿילט, וואָס עס דראָט זיי מצד דעם פֿאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם, זיי האָבן געזוכט אַ וועגווייזער, אַ פֿאַרקעמפֿער, און זיי האָבן זייער פּנים געווענדט צום „בונד״.

דער „בונד״ פּראָקלאַמירט איינציקע מאָל אַלגעמיינע שטרייקן אַלס ענטפֿער אויף דער אַנטיסעמיטישער וואַקכאַנאַליע — און די יידישע באַפֿעלקערונג רופֿט זיך אָפּ סאָלידאַריש. און ווען די יידישע באַפֿעלקערונג האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט קלאָר אַרויסצוברענגען איר ווילן, האָט זי עס געטון. בעת די שטאָט־ראַט־וואַלן, וואָס זענען פֿאָרגעקומען אין גאַנצן לאַנד די לעצטע פּאָר יאָר פֿאַר דער איצטיקער מלחמה, האָט די יידישע באַפֿעלקערונג פֿון די גרויסע און מיטעלע שטעט אין איר מערהייט אָפּגעגעבן אירע שטימען פֿאַרן „בונד״. אין וואַרשע, ווו ערליך און אַלטער האָבן געפֿירט די ליסטע פֿון „בונד״ און פֿון די טרייד־יוניאָנס, האָט זי פֿון 20 יידישע געווילטע ראַטמענער דעראָבערט 17.

דאָס איז געווען די שטים פֿון פּוילישן יידנטום אויפֿן העכסטן פּונקט פֿון זיין פּאָליטישן קאַמף, — צוטרוי צו דער פּאַרטיי, בראש פֿון וועלכער עס זענען געשטאַנען הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער. צו דער ליבע און אַכטונג, וואָס די ביידע אַרבעטער־פֿירער האָבן גע־נאָסן ביי די ברייטסטע שיכטן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג, איז צוגעקומען דער קלאָרער מאַנדאַט: „רעדט אין אונזער נאָמען, איר זענט אונזערע שליחי־צבור!״



וויקטאָר אַלטער און הענריק ערליך אין פּרעזידיום פֿון אַ גרויסן פּאָליטישן מיטינג פֿון פּוילישע און יידישע אַרבעטער אין וואַרשע.

ערליך און אַלטער אין וואָרט און שריפט

ווען מען וואָלט געקאָנט צונויפשטעלן אַ רעקאָרד פון די הונ־דערטער רעדעס און אַרטיקלען, וואָס דיביידע סאָציאַליסטישע פּער־זענלעכקייטן האָבן געהאַלטן און געשריבן, וואָלט זיך באַקומען אַ פאַר־כאַפּנדיק ווערק, וואָס אָטעמט פון אַנהויב ביזן סוף מיט קאַמף־לוסט, שיינקייט, לויטערקייט און דערהויבנקייט. אפשר וועט עס נאָך אַמאָל געטון ווערן. דאָ ווילן מיר בלויז לאָזן הערן די שטים פון ביידע אומ־געבראַכטע בנוגע איניקע ענינים, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדענונג אין די לעצטע יאָרן פון זייער פּריצייטיק־פּאַרשניטענעם לעבן.

ווי אַזוי זיך אָרגאַניזירן?

„דער אַרבעטער־קלאַס פון יעדער נאַציע מוז האָבן זיין אייגענע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דער שפּראַך און אַנדערע נאַציאָנאַלע באַדינגונגען פון דער געגעבענער סביבה — דאָס איז דער פּרינציפּ, וועלכן ס'האָט פון דער ערשטער מינוט פון זיין אַנטשטייאונג פאַרטיידיקט דער „בונד". ער האָט געזאָגט: אַן אַלגעמיינע לאַנד־פּאַרטיי, וואָס מוז אויף אַ נאַטירלעכן אופן זיין פריער פאַר אַלץ צוגעפּאַסט צו די לעבנס־באַדינגונגען פון דער נאַציאָנאַלער מערהייט פון לאַנד, קאָן געווינען פאַרן סאָציאַליזם מער אָדער ווייניקער באַדייטנדיקע טיילן פון אַרבעטער־קלאַס פון די איבעריקע פעלקער; אָבער אַריינדרינגען אין דער טיפעניש פון אַרבעטס־פאָלק, אויפטרייסלען אים ביזן דעק און ברענגען די אַרבעטער אין גרויסע קאָמפּאַקטע מאַסן צו דער סאָציאַ־ליסטישער פאָן — דאָס איז אימשטאַנד צו טאָן נאָר אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון שויס פון דער געגעבענער אַרבעטער־מאַסע.

דער אַרבעטער־קלאַס פון יעדער נאַציע מוז האָבן זיין אייגענע אָרגאַניזאַציע, אָבער נישט זיין אייגענע פּאַרטיי. אין אַ לאַנד מיט עט־לעכע נאַציעס דאַרף עקזיסטירן איין פּאַרטיי מיט אַזוי פיל אויטאָנאָמע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וויפיל עס זענען פאַראַן נאַציעס אין לאַנד".

הענריק ערליך

(פון ביכל „דער עיקר פון בונדיזם", ניו־יאָרק 1935)

אין קאַמף פֿאַר אַ בעסערער וועלט

„יעדער עכטער קעמפֿער פֿאַרן סאָציאַליזם ווייס, אַז קעמפֿנדיק, האָט ער שאַנסן צו זיגן. אויב אָבער ער באַרעכנט אַפֿילו, אַז ער וועט נישט דערלעבן די רגע פֿון טריומף, איז דאָך דער אינהאַלט און זין פֿון זיין פּערזענלעכן לעבן דער אַנטייל אין דער באַוועגונג. אין איר ווערט ער, דער יחיד, צונויפֿגעגאָסן מיט עפּעס, וואָס איז אומגעהויער גרויס און דויערהאַפֿטיק. דאָס זעלבע איז אמת בנוגע אַן איינהייט פֿון אַ העכערער מדרגה, וואָס מען קען האַלטן די גאַנצע סאָציאַליסטישע באַוועגונג. קעמפֿנדיק, קען זי זיגן. אויב אָבער זי זאָל אַפֿילו באַצוווּנגען ווערן דורך איבערמעכטיקע כּוחות פֿון די שונאים, וועט זי שפּעטער אויפֿשטיין תּחית־המתים אין די נייע אומפֿאַרמיידלעכע אָנשטרענגונגען פֿון דער מענטשהייט צו רעאַליזירן די געזעלשאַפֿט פֿון מאָרגן, געשטיצט אויף שיינקייט און פֿרייהייט. וואָרעם די בענקשאַפֿט פֿון די מענטשן צו שלימות קען אומקומען נאָר צוזאַמען מיט דער מענטשהייט".

וויקטאָר אַלטער

(פֿון בוך „דער מענטש אין דער געזעלשאַפֿט", וואַרשע 1938).

געמיינזאַמע אינטערעסן פֿון אַלע אַרבעטנדיקע

„עס זענען דאָ מענטשן, פּאַרטייען און צייטונגען, וואָס ווילן דעם היינטיקן, ווי אַלע איבעריקע פּראָצעסן פֿון דעם מין, פֿאַרשטעלן פֿאַר דער וועלט, ווי איינעם פֿון די פֿראַגמענטן פֿון דער „אייביק דויערנדיקער פּויליש־יידישער מלחמה". אין הסכּם מיט מיין אופֿן פֿון טראַכטן און פֿילן, וואָרף איך אָפּ מיט דער גרעסטער אַנטשידנהייט דעם געדאַנק וועגן „אַן אייביקער מלחמה" צווישן פֿעלקער, וועגן אַ ממשותדיקן קעגנזאַץ צווישן די אינטערעסן פֿון די פֿאָלקס־מאַסן פֿון די פֿאַרשידענע פֿעלקער, וואָס וווינען אויף דער דאָזיקער ערד. דער היינטיקער פּראָצעס איז אַ שטרייט צווישן אַ גרופּע געליטענע פֿון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט און אַ גרופּע פֿאַרפֿירטע באַשולדיקטע פֿון פּוילישער נאַציאָנאַליטעט, — אַ שטרייט וואָס איז נישט אימשטאַנד צו באַזייטיקן די אומבאַשטרייטבאַרע געמיינזאַמקייט פֿון די אינטערעסן פֿון די אַרבעטנדיקע פֿון די פֿעלקער אין פּוילן. נאָר אַזוי און נישט אַנדערש קאָן איך באַטראַכטן דעם היינטיקן פּראָצעס".

הענריק ערליך

(פֿון אַ רעדע אַלס אַדוואָקאַט מצד דער געליטענער יידישער באַפֿעלקערונג פֿון וויסאָקע־מאַזאָוויעצק אויף אַ פּראָצעס וועגן אַנטי־יידישע עקסצעסן — פֿעברואַר 1937).

פֿרייהייט פֿון געדאַנק און דיסציפּלין פֿון טאַט

„מיר זענען שטאָלץ, וואָס אונזער פּאַרטיי האָט באַוויזן אַזוי האַר־מאָניש צונויפֿצובינדן די פּראַקטישע פֿרייהייט פֿון געדאַנק מיט דער שטרענגער דיסציפּלין פֿון טאַט. מיר האָבן אַזוי ליב אונזער פּאַרטיי טאַקע צוליב דעם, וואָס זי דערדריקט נישט די אייגנאַרטיקייט פֿון אירע מיטגלידער, וואָס זי פֿאָדערט אויף יעדן איינציקן בונדיסט צו טראַכטן זעלבסטשטענדיק, וואָס זי שאַצט אַזוי הויך די גייסטיקע פֿרייהייט פֿון יעדן מיטגליד".

ווּיקטאָר אַלטער
(„נייע פֿאָלקסצייטונג", 1 אַפּריל 1937).

און דאָך באַוועגט זי זיך...

„און דאָך דרייט זי זיך — האָט אויסגערופֿן דער באַרימטער גע־לערנטער גאַלילײַ, בעת מ'האָט אים אין יאָר 1633 איבערגעגעבן דעם פּסק־דין, וואָס האָט אים פֿאַרמשפּט פֿאַר פֿאַרשפּרייטן „פֿאַלשע קלאַנגען", אַז די ערד דרייט זיך און די זון שטייט אויף אָן אָרט.

און דאָך דרייט זיך די ערד, און דאָך גייט זי פֿאָרויס — צו פֿרייהייט, צו גלײַכהייט, צו מענטשלעכקייט, צום סאָציאַליזם — וועלן אויסרופֿן די אַרבעטער־מאַסן פֿון דער וועלט, מאַרשירנדיק אונטער די רויטע פֿענער איבער די גאַסן און פֿעלדער פֿון די הויפּט־שטעט פֿון דער וועלט.

אָבער כּדי דאָס זאָל נישט בלײַבן קיין פֿראַזע, כּדי די מענטשהייט זאָל קענען ענדלעך און אויף אייביק אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די קייטן פֿון פֿאַשיסטישער און קאַפּיטאַליסטישער שקלאַפֿערײַ, איז נויטיק, אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל זיך ענדלעך און אויף אייביק באַפֿרײַען פֿון די פֿעלערן, וואָס האָבן אין אַ ריי לענדער געהאָלפֿן דער פֿאַשיסטישער רעאַקציע קומען צו דער מאַכט און גורם געווען אַזוי פֿיל לײַדן און פּײַן די אַרבעטנדיקע פֿון דער וועלט. דערצו איז נויטיק פֿריער פֿאַר אַלץ — די אַרבעטער־מאַסן זאָלן קלאָר און אין הסכּם מיט זייערע קלאַסן־אינטערעסן אָנצייכענען זייערע וועגן און צילן און זײַן אייניק און געשלאָסן אינעם קאַמף פֿאַר די דאָזיקע צילן".

הענריק ערליך
(„נייע פֿאָלקסצייטונג", 30 אַפּריל 1937).

נישט אַנטלויפֿן פֿון קאַמף־פּלאַץ

די ציוניסטן מכּל המינים קאָנען נישט אָדער ווילן נישט פֿאַרשטיין, אַז מיר בונדיסטן מאַכן אויף קיין איין מינוט נישט שלום מיט די „ראַמען

פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט". זיי ווילן דווקא בלייבן אין די דאַזיקע „ראַמען". זיי פּאַסן זיך צו צו דער דאַזיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און דעריבער קענען זיי נישט איינזען דעם זינען פון אונזער קאַמף אין פּוילן.

מיר אָבער ווילן צעברעכן די „ראַמען", מיר ווייזן די יידישע מאַסן די מעגלעכקייט פון אַ נייער געזעלשאַפט, וואָס ווערט געבויט נישט אויף דעם וועג פון אַנטלויפן, נאָר אויף דעם וועג פון קאַמף. מיר בינדן צונויף דעם אינהאַלט פון לעבן פון די יידישע מאַסן מיטן לעבנס־אינהאַלט פון די מאַסן פון דער גאַנצער מענטשהייט".

וויקטאָר אַלטער

(„נייע פאָלקסצייטונג", 19 פעברואַר 1937).

וועגן קאָמוניזם

„מיר פילן נישט קיין שום שאָדן־פרייד צוליב דעם אידעיִשן צוזאַמענברוך פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. פאַרקערט: מיר קאָנען דאָס בלויז באַדויערן. מיר האָבן שטענדיק באַטראַכט דעם קאָמוניזם פאַר אַ פאַלשע שיטה. מיר האָבן פאַראורטיילט זיינע פעלערן און פאַרברעכנס. מיר האָבן אָבער די קאָמוניסטישע באַוועגונג באַטראַכט ווי אַ טייל פון קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט, פאַר אַ פאַקטאָר, וואָס האַלט ביז אַ געוויסן גראַד אין צוים דעם רעפאָרמיזם. היינט האָט דער קאָמוניזם אָנגעוווירן אַפילו דעם דאָזיקן ווערט. היינט איז ער עס דער, וואָס גיט אויף דעם גרעסטן אָפּאָרטוניזם זיין הכשר. אין אַ ריי פאַלן פאַרוואַנדלען זיך די קאָמוניסטן אין דירעקטע פאַרבינדעטע פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם אין זיין קאַמף קעגן דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

הענריק ערליך

(פון אַ רעדע אויפן יובל־צוזאַמענפאָר פון „בונד", נאָוו. 1937).

יעדער אויף זיין שטייגער

„אַ גוטער קאַטאָליק מוז גלויבן, אַז דער פּויבסט קען נישט האָבן קיין טעות. אַ גוטער קאָמוניסט מוז גלויבן, אַז סטאַלין מאַכט קיינמאָל נישט קיין פעלערן. אַ גוטער בונדיסט קען און דאַרף צו יעדער צייט פרעגן זיך, צי גייט זיין פּאַרטיי (מיט אים צוזאַמען) מיט דעם ריכטיקן וועג".

וויקטאָר אַלטער

(„נייע פאָלקסצייטונג", 28 נאָוועמבער 1937).

פּאַשיזם באַדייט פּיזישע פאַרניכטונג פון די יידן

„אַלס בירגער פון לאַנד, מיט וועלכן די געשיכטע האָט זייט לאַנגע יאָרהונדערטער צונויפגעבונדן אונזער גורל, און וואָס שטייט איצט פאַר אַן ערנסטער געפאַר; אַלס סאָציאַליסטן, וואָס האָסן יעדע אונטערדריקונג און ליבן די פרייהייט, און אַלס יידן, פאַר וועלכע דער זיג פון פאַשיזם באַדייט פּיזישע פאַרניכטונג — דערקלערן מיר אין נאָמען פון די ברייטסטע מאַסן פון יידישן פאָלק אונזער גרייטקייט מיט אַלע כוחות און פאַרן פרייז פון די גרעסטע קרבנות האַנט ביי האַנט מיט די פּוילישע פאָלקס־מאַסן צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד קעגן די געפאַרן, וואָס ליערן אויף זיין זעלבסטשטענדיקייט און עקזיסטענץ.

מיר האָבן שטענדיק געפאָדערט און וועלן אויך ווייטער פאָדערן פאַר די יידישע מאַסן פולע רעכט, אָבער מיר ווייסן אויך, וואָס עס איז אונזער פליכט".

הענריק ערליך

(פון 1־טן מאַי אויפרוף פון צ. ק. פון „בונד", 1939, דער מחבר פון אויפרוף איז געווען ה. ערליך).

פאַרניכטן דעם פאַשיזם!

„קעמפן פאַר שלום באַדייט היינט — האָבן דעם ווילן צו פאַר־ניכטן דעם פאַשיזם, אפילו אין אַ באַוואָפנטן צוזאַמענשטויס, אויב ער וואָלט אַנגעוואָרפן געוואָרן דער וועלט דורך דער אַגרעסיווער דינאַמיק פון דער „אַקס". קעמפן פאַר פרייהייט באַדייט היינט — האָבן דעם ווילן צו פאַרניכטן דעם פאַשיזם נישט נאָר אַלס אַ פּאָלי־טישע, נאָר אויך אַלס אַ סאָציאַלע דערשיינונג".

וויקטאָר אַלטער

(נייע פאָלקסצייטונג", 15־טן אַפּריל 1939).

נישט דערלאָזן קיין שום עוולה

„מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט דערקלערן מיר דאָ, אַז מיט אַלע מעגלעכע מיטלען, וואָס וועלן זיך נאָר לאָזן אויסנוצן, וועלן מיר נישט דערלאָזן אָנטון עוולות דער יידישער באַפעלקערונג — מיט אַלע אונזערע כוחות וועלן מיר קעמפן פאַר גלייכע רעכט!"

הענריק ערליך

(פון אַ רעדע אויף דער טריבונע פון וואַרשעווער שטאָט־ראַט, 24־טן מאַי 1939).

ייִדן האָבן אַ היים

„ס'איז פֿאַלש, אַז די ייִדן זענען מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין פֿאָטערלאַנד. דער אמת איז, אַז אונזער פֿאָטערלאַנד איז דאָס לאַנד, וווּ מיר לעבן, אַרבעטן, קעמפֿן און האָפֿן צו זיגן. ריכטיק איז, אַז דער אַנטיסעמיטיזם וויל איינרעדן, סיי די ייִדן און סיי די נישט ייִדן, אַז די ייִדן זענען „פֿרעמדע" פֿון וועלכע מען מוז פּטור ווערן. פֿאַר וועלכע ס'מוז געפֿינען ווערן אַ נייע היים. אָבער די ייִדישע מאַסן וואַרפֿן קאַטעגאָריש אָפּ די דאָזיקע באַהויפּטונג. זיי באַטראַכטן זיך פֿאַר גלייכע בירגער, זיי זענען גרייט צו טראָגן אַלע לאַסטן מיט אַלע איינוווינער פֿון זייער לאַנד צוגלייך מיט די איבעריקע בירגער און פֿאָדערן פֿאַר זיך רעכט מיט אַנדערע צוגלייך".

וויקטאָר אַלטער

(פֿון אַ רעדע אויפֿן קאָנגרעס פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל, פֿאָרגעקומען אין דער שווייץ, יולי 1939).

וועגן די „מאָסקווער פּראָצעסן"

„צי וועלן זיך אויך דאָס מאָל געפֿינען אין די קאָמוניסטישע רייען מענטשן, וואָס וועלן גלייבן? ווייניקער ווי פֿריִער, אָבער עס וועלן זיך געפֿינען. וועגן דעם האָבן מיר נישט דעם מינדעסטן צווייפֿל. אָבער דאָס וועלן זיין די טעמפּסטע, די אָפּגעשטאַנענסטע, די פֿינסטערסטע אין די קאָמוניסטישע רייען. דאָס וועלן זיין די, וואָס האָבן זיך פֿרייוויליק און מיט אַ גרינג געמיט אָפּגעזאָגט פֿון דעם רעכט צו טראַכטן, ווייל דאָס טראַכטן איז אַ לאַסט איבער זייערע כּוחות. אָבער אויסער זיי וועט זיך אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג (די קאָמוניסטישע אַרייַנגערעכנט) נישט געפֿינען קיינער, וואָס זאָל זיין אימשטאַנד אין דער באַשולדיקונג צו גלייבן. וועגן דעם גיט זיך סטאַלין אָפּ אַ פֿולשטענדיקן דין וחשבון. זיין נייער גוואַלט־אַקט איז אַ שפּיי אין פּנים דער פּראָלעטאַרישער עפֿנטלעכקייט (נישט דער קאָמוניסטישער, ווייל זי האָט נישט קיין פּנים, ווייל זי עקזיסטירט איבערהויפּט נישט!). אָבער סטאַלינס נייער גוואַלט־אַקט איז אויך אַ נייער מאָראַלישער קלאַפּ פֿאַרן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. און דאָס צווינגט אונז אויפֿצוהויבן די שטים פֿון פֿלאַמיקן פּראָטעסט. מיר ווייסן, אַז „צייטונגס־אַרטיקלעך" פֿון דער סאָציאַליסטישער פּרעסע מאַכן נישט אויף סטאַלינען קיין איינדרוק, אַז פּראָלעטאַרישע פּראָטעסט־רעזאָלוציעס נעמט ער זיך נישט צום האַרצן. אַלס רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן, וועמען עס איז טייער דאָס גרויסע און

אומפֿאַרגעגגלעכע אין דער רוסישער רעוואָלוציע, וועלכע פֿילן אויף זיך דעם חוב צו שיצן דעם כבוד פֿון סאָציאַליזם, מוזן מיר אָבער אַזוי הויך און אַזוי דייטלעך ווי נאָר מעגלעך דערקלערן פֿאַר דער גאַנצער וועלט, אַז סטאַלינס מאָרד־יוסטיץ האָט נישט די מינדעסטע שייכות מיטן סאָציאַליזם"!

הענריק ערליך

(„נייע פֿאָלקסצייטונג", 21 יאַנואַר 1937).

אַ גרופּע בונדיסטן אין דרוסקעניק. אין דער הינטערשטער ריי שטייען הענריק ערליך און נעבן אים לינקס זיין פֿרוי סאָפֿיע; אין צווייטן עק וול. קאָסאָווסקי; אין דער צווייטער ריי רעכטס זיצן אַנאַ ראָזענטאַל און אַרקאַדי קרעמער; דער לעצטער — ח.ל. פּאָזנאַנסקי (די נאַציס האָבן אים פֿאַרשלעפּט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער גלייך נאָכן פֿאַרנעמען לאָדזש). אין דער פֿאָדערשטער ריי — ערליכסביידע זין.

דער ערשטער אַרעסט

מיר האָבן נאָר־וואָס געברענגט אַ פּאָר פּראָבעס פֿון גערעדטן און געשריבענעם וואָרט, דורך וועלכן די צוויי אומגעבראַכטע פֿירער פֿון „בונד" האָבן געלערנט די יידישע און נישט יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן און געוויזן דעם וועג צו דער אויסלייזונג פֿון דער מענטשהייט. זייער פּלאַמיק וואָרט, וואָס איז תמיד געווען ריין אין די כוונות, אויפֿריכטיק אין דער שטרעבונג און דערהויבן אין ציל, איז הערבסט 1939 דערשטיקט געוואָרן.

מלחמה קעגן היטלערן

זייער לעצטע טאָט אַלס פֿרייע מענטשן איז געווען — מלחמה קעגן היטלערן.

דעם 1טן סעפּטעמבער 1939 זענען היטלערס געפּאַנצערטע חיילות באַפֿאַלן פּוילן און דערמיט אָנגעהויבן די וועלט־מלחמה, וואָס דויערט שוין באַלד 4 יאָר און האָט שוין פֿאַרשלונגען מיליאָנען לעבנס.

גלייך נאָכן מלחמה־אויסברוך האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון „בונד" אין פּוילן פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אויפֿרוף, פֿאַרפֿאַסט דורך הענריק ערליך, וואָס האָט גערופֿן נישט צו זשאַלעווען קיין קרבנות און מיט געווער אין האַנט אַנטקעגנשטעלן זיך דעם בלוט־דורשטיקן שונא — דעם היטלעריזם. אין אופֿרוף איז געשילדערט געוואָרן, ווי שרעקלעך עס וואָלט געווען, ווען היטלער וואָלט געזיגט.

די יידן האָבן מאַסנווייז זיך געשטעלט אין די רייען פֿון פּוילישן מיליטער און פֿיל פֿון זיי זענען געפֿאַלן אויפֿן שלאַכט־פֿעלד. די פּוילישע אַרמיי איז אָבער נישט געווען ביכולת איינצוהאַלטן דעם שטורם פֿון פֿילפֿאַך מעכטיקערן שונא. אָפּגייענדיק אין בלוט, האָט זי געמוזט כסדר אָפּטרעטן. די נאַצישע דיוויזיעס האָבן זיך דער־נענטערט צו די טויערן פֿון דער הויפּט־שטאָט — וואַרשע. דער פּוילישער גענעראַל־שטאָב האָט נישט געזען קיין מעגלעכקייט צו פֿאַרטיידיקן די הויפּט־שטאָט, ער האָט דעריבער אַפּעלירט צו די אַלע, וועלכע זענען פֿעיק צו טראָגן געווער, אַוועקצוגיין אין מזרח־

טייל פֿון לאַנד, כּדי דאָרט מאָביליזירט צו ווערן פֿאַר די ווייטערדיקע שלאַכטן. הונדערטער טויזנטער האָבן אָנגעהויבן שטראָמען פֿון די מערב־טיילן צו די מזרח־פּראָווינצן פֿון פּוילן.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון „בונד" האָט באַשלאָסן, אַז די מער באַקאַנטע טוער זאָלן אַוועק פֿון וואַרשע, כּדי נישט אַריינצופֿאַלן אין די הענט פֿון שונא. אָנפֿירן מיט דער אַרבעט, ביי די געענדערטע באַדינגונגען, שוין אין אונטערערד, זאָלן חברים וועלכע זענען ווייניקער באַקאַנט דער עפֿנטלעכקייט. די מיטגלידער פֿון צענטראַל־קאָמיטעט און אַנדערע טוער, וועלכע וועלן אַוועק, דאַרפֿן אין די מזרח־טיילן פֿון לאַנד העלפֿן מאָביליזירן די יידישע באַפֿעלקערונג צום ווייטער־דיקן קאַמף מיטן נאַצי־שונא.

צווישן די אַוועקגעגאַנגענע טוער האָבן זיך אויך געפֿונען ערליך און אַלטער. דער לעצטער האָט דווקא געוואָלט פֿאַרבלייבן. ער האָט שוין געהאַט געמאַכט אַלע נויטיקע צוגרייטונגען אויף איבערצוגיין צו אַן אומלעגאַלן לעבן. דער צענטראַל־קאָמיטעט איז אָבער געווען קעגן דעם, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז אַזוי ווי אַלטער איז זייער פּאָפּו־לער אין שטאָט, עס קענען אים קינד און קייט, וואָלט ער גאַר גיך דורכגעפֿאַלן און דערמיט געברענגט אַן אומגליק פֿאַר זיך און פֿאַר דער גאַנצער באַוועגונג. ער איז דעריבער אַוועק צוזאַמען מיט ערליכן און אַנדערע חברים.

אויפֿן וועג האָבן זיי זיך צעשיידט. אַלטער און אַ גרופּע חברים צוזאַמען מיט אים זענען אַוועק אין איין ריכטונג, ערליך מיט אַן אַנדע־רער גרופּע אין אַ צווייטער. מען האָט זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז וואַרשע ווערט פֿאַרטיידיקט, אַ דאַנק דעם, וואָס די פֿאַרשטייער פֿון דער באַ־פֿעלקערונג, ווי אויך די געבליבענע מיליטער־טיילן האָבן געענדערט די פֿריערדיקע דעציזיע פֿון דער רעגירונג, נאָך דעם ווי די לעצטע האָט פֿאַרלאָזט וואַרשע. אַלטער האָט דאַן געוואָלט צוריקגיין קיין וואַרשע, עס איז אָבער נישט געווען מעגלעך. דער וועג קיין וואַרשע איז געווען אָפּגעשניטן, וואָרים די הויפּט־שטאָט איז שוין אַרומ־גערינגלט געוואָרן דורך די דייטשן פֿון אַלע זייטן. אַלטערס גרופּע האָט זיך דעריבער געלאָזט קיין לובלין, וווּ זי האָט במשך פֿון עטלעכע טעג אונטער אַ האָגל פֿון פֿיינטלעכע באָמבעס, אָנגעפֿירט מיט דער מאָביליזירונג און אָרגאַניזירונג פֿון די יידן. אַלטער האָט נאָך אויך באַוויזן אַרויסצוגעבן 2 נומערן פֿון אַ יידישער צייטונג, וואָס איז געווען אויסשליסלעך געווידמעט דער מלחמה קעגן היטלער־דייטשלאַנד.

דער ערשטער אַרטיקל אין דער צייטונג, געשריבן פֿון וו. אַלטער, איז געווען אונטערן קאָפּ: „היטלער מוז פֿאַרשפּילן!"

אַ פּאָר טעג איז בלויז אַלטער געווען אין לובלין. די דײַטשע חיילות זענען צוגעקומען צו די טויערן פֿון דער שטאָט און אַלטער איז פֿון דאָרט אַוועק קיין קאָוועל. טייל חברים פֿון זיין גרופּע זענען געבליבן אין לובלין און שפּעטער געוואָרן טעטיק אין דער אינטערערדישער באַוועגונג אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע.

ווען די דײַטשן זענען אַריין קיין לובלין, האָט די געשטאַפּאָ אַרומגעזוכט די פֿירער פֿון „בונד", פּונקט ווי זי האָט עס געטון אין וואַרשע, לאָדז און אַנדערע שטעט. אין וואַרשע האָט זי באַזונדערס שטאַרק אַרומגעזוכט ערליכן און אַלטערן. זי איז געקומען נאָכפֿרעגן זיך אויף ערליכן אין זיין וווינונג, אין רעדאַקציע פֿון דער „בייער פֿאָלקס־צייטונג" און אַנדערע ערטער. דערביי האָט זי אַרעסטירט אַ ריי מענטשן מיטן נאָמען ערליך, זייענדיק חושד, אַז צווישן זיי געפֿינט זיך דער בונדישער פֿירער.

די פֿרוכט פֿון סטאַלין־היטלער־פּאַקט

דעם 17 סעפּטעמבער 1939, ווען די פּוילישע און יידישע אַרבעטער פֿון וואַרשע צוזאַמען מיטן רעגולערן מיליטער האָבן נאָך העלדיש פֿאַרטיידיקט די באַלאַגערטע הויפּט־שטאָט, ווען אויף פֿאַרשידענע פֿראָנטן פֿון צענטראַלן און מזרח־טייל פֿון פּוילן האָט נאָך די פּוילישע אַרמיי געשטעלט אַ פֿאַרצווייפֿלטן העראָישן ווידערשטאַנד, זענען סאָוויעטישע טאַנקן און אינפֿאַנטעריע אַריבער די פּויליש־סאָוויעטישע גרענעץ. געדריקט דורך אַ גוואַלטיקער איבערמאַכט פֿון צוויי זייטן, האָט דער פּוילישער ווידערשטאַנד געמוזט צוזאַמענברעכן פֿריִער, ווי עס וואָלט געווען דער פֿאַל ווען עס וואָלט געווען בלויז איין קעגנער — היטלער־דייטשלאַנד.

דער טרויעריק־באַרימטער סטאַלין־היטלער־פּאַקט האָט געאַרבעט. און איינער פֿון די פֿרוכטן פֿון דעם פּאַקט איז געווען די צעטיילונג פֿון פּוילן צווישן מערב־ און מזרח־שכן. צוגלייך מיט דער סאָוויעטישער אַרמיי איז אין מזרח־טייל פֿון פּוילן אויך געקומען די קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט געזוכט צו באַרעכטיקן די צוזאַמענאַרבעט מיט היטלערן. די פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז געווען דורכגעדרינגען מיטן גייסט פֿון דער פֿריש־געבאַקענער קאָמוניסטישער תורה, אַז „פֿאַשיזם איז אַ געשמאַק־זאַך", אַז ס'איז אַ פֿאַרברעך

צוליב „אידעאָלאָגישע מיינונגס־פֿאַרשידנקייטן" פֿירן מלחמה מיט נאַצי־דייטשלאַנד און אַז די פֿריינדשאַפֿט צווישן דייטשלאַנד און ראַטן־רוסלאַנד איז איצט „צעמענטירט געוואָרן מיט בלוט", האָט פּשוט דערשיטערט יעדן אַנטי־פֿאַשיסט.

ווי אַזוי מען האָט זיי אַרעסטירט

ערליך, ווי אויך נח, וולאַדימיר קאָסאָווסקי, און אַ גרופּע אַנדערע חברים האָבן זיך דאַן געפֿונען אין פּינסק. וויקטאָר אַלטער אין קאָוועל.

דער אַרעסט פֿון וו. אַלטער איז פֿאַרגעקומען אויף אַזאַ אופֿן:

אין קאָוועל האָבן זיך דאַן געפֿונען אַלס פּליטים די הויפּט־פֿירער פֿון די פּוילישע באַן־אַרבעטער, וועלכע זענען גלייכצייטיק געווען פֿון די אָנגעזעענסטע טרייד־יוניאָן־טוער אין לאַנד. וויקטאָר אַלטער, וועלכער האָט צוזאַמען מיט זיי געהערט צו דער העכסטער אָנפֿירונג פֿון דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג אין פּוילן, האָט זיך מיט זיי געטראָפֿן און צוזאַמען האָבן זיי אויסגעאַרבעט אַ דעקלאַראַציע צו דערלאַנגען דער סאָוויעטישער מאַכט. וויקטאָר אַלטער און אייניקע פּוילישע יוניאָן־טוער האָבן די דעקלאַראַציע, אין וועלכער עס איז געווען אויסגעדריקט די האָפֿענונג, אַז ראַטן־רוסלאַנד וועט העלפֿן דער אונטער־יאָכטער באַפֿעלקערונג פֿון פּוילן זיך באַפֿרייען פֿון דער נאַצישער קנעכטשאַפֿט, איבערגעגעבן דעם פֿאַרשטייער פֿון דער סאָוויעטישער מאַכט. מען האָט דער גרופּע טרייד־יוניאָן־טוער צוגעזאָגט צו געבן אינגיכן אַ תּשובֿה. צומאָרגנס איז דער „ענטפֿער" געקומען: די ג. פּ. או. האָט אַרעסטירט די גאַנצע גרופּע טרייד־יוניאָן־טוער, אַלטערן בתוכם. ג. פּ. או.־אַגענטן זענען געקומען אין זיין דירה און אים צוגענומען. די נאָענטע חברים, וועלכע זענען דאַן געווען אין קאָוועל, גיבן איבער, אַז אַלטער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן דין וחשבון וועגן די געפֿאַרן, וואָס זענען פֿאַרבונדן מיט זיין ווענדן זיך צו דער סאָוויעטישער מאַכט. זיי האָבן אים הייס געראָטן זיך אויסצובאַהאַלטן. אַלטער האָט אָבער נישט געוואָלט הערן דערפֿון. באַהאַלטן זיך — האָט ער געזאָגט — איז אונטער זיין ווירדע. אַלס פֿאַראַנטוואָרטלעכער פּאָליטישער און טרייד־יוניאָן־טוער האַלט ער פֿאַר זיין פֿליכט צו ברענגען צום אויסדרוק דעם ווילן פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט צו פֿירן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט מיטן היטלעריזם און אַנדערע פֿאָרמען פֿון פֿאַשיזם. דאָס מוז ער טון.

דער אַרעסט איז פֿאַרגעקומען דעם 26 סעפּטעמבער 1939 —

קנאַפּע 4 וואָכן נאָך היטלערס אַריינמאַרש קיין פּוילן און 9 טעג נאָכן סאָוויעטישן אַריינמאַרש פֿון דער צווייטער זייט.

הענריק ערליכס אַרעסט איז פֿאַרגעקומען אַ פּאָר טעג שפּעטער — דעם 4 אָקטאָבער 1939 אין בריסק אויפֿן וואָקזאַל. די מיטגלידער פֿון צ. ק. פֿון „בונד״, וואָס זענען דאַן געווען אין פּינסק, האָבן באַשלאָסן אַז איין טייל פֿון צ.ק. זאָל דערווייל פֿאָרן קיין ווילנע און אַ צווייטער טייל זאָל זיך פּרוּוון דורכרייסן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. ערליך האָט געהערט צו דער צווייטער גרופּע. ער איז אַוועק פֿון פּינסק, כּדי זיך דערשלאָגן צו דעם געביט פֿון דייטשער אָקופּאַציע, ווו ער האָט געזאָלט זיין טעטיק אין דער אונטערערדישער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. זיין נאָענטסטער ציל האָט געזאָלט זיין לובלין.

ער איז דערפֿאָרן פֿון פּינסק ביז בריסק. אין בריסק האָט מען שוין דאַן געוווּסט, אַז אַלטער איז אַרעסטירט געוואָרן, ס׳איז געווען קלאָר, אַז דעם זעלבן גורל דראָט אויך די אַנדערע פֿירער און טוער פֿון „בונד״. מען האָט דעריבער פֿאַרלאַנגט פֿון ערליכן אַנצונעמען אַנטשפּרעכנדע מיטלען, אַז מ׳זאָל אים נישט דערקענען און אַז ער זאָל זיך נישט ווייזן אין גאַס. ער האָט עס קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפֿן, דערקלערנדיק, אַז די געפֿאַר פֿון אַרעסט קען אים נישט באַוועגן זיך צו מאַסקירן אָדער באַהאַלטן.

אין בריסק האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז פּראַקטיש אוממעגלעך פֿאַר ערליכן זיך אַדורכצורייסן קיין לובלין. ער האָט דעריבער געוואָלט פֿאָרן אין אַ גרויסער שטאָט אונטער דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע. אויפֿן בריסקער וואָקזאַל, ווו ער איז געזעסן אַ גאַנצע נאַכט, האָט אַ יידישער קאָמוניסט פֿון אַ פּראָווינץ־שטעטל אים געמסרט און די ג. פּ. או. האָט אים אַרעסטירט.

ווי אַ סימבאָלישער אַקאָמפּאַנימענט צום אַרעסט פֿון סאָציאַליס־טישן פֿירער הענריק ערליך זאָל דינען דער פֿאָלגנדער פֿאַקט:

אין יענע טעג איז אין דער זעלבער שטאָט בריסק, אויפֿן הויפּט־פּלאַץ, פֿאַרגעקומען אַ מיליטערישער פּאַראַד — אַ פֿאַרברידערונג אויפֿמאַרש פֿון סאָוויעטישע און נאַצישע מיליטער־אָפּטיילונגען. בריסק איז דאַן געוואָרן אַ גרענעץ־שטאָט און דער געמיינזאַמער מילי־טערישער פּאַראַד האָט געזאָלט דינען אַלס צייכן פֿון סאָוויעטיש־נאַצישער פֿריינדשאַפֿט. האָבן בשכנות געפֿלאַטערט די פֿענער מיטן האַקנקרייץ און סערפּ־האַמער, האָבן זיך אויסגעמישט די טענער פֿון „אינטערנאַציאָנאַל״ מיטן האָרסט־וועסל־ליד. די דאָזיקע חרפּה־דיקע סצענע האָבן צוגעזען נישט נאָר די בריסקער יידן, נאָר אויך

טויזנטער יידישע פּליטים פון שטעט און שטעטלעך אין פוילן, וואָס די נאַציס האָבן געברענט, פּאָגראָמירט און באַרויבט, יידן וועמענס נאָענטע זענען דורך די נאַצישע רוצחים געפּייניקט, געשענדעט און געמאָרדעט געוואָרן.

צענטליקער טויזנטער אין טורמעס און סיביר

וואָס עס האָט זיך אין יענער צייט אָפּגעטון אין פוילן, ווייס מען דאָ אין אַמעריקע זייער ווייניק. דעריבער איז נויטיק צוצוגעבן, אַז ערליך און אַלטער זענען נישט געווען די איינציקע קרבנות פון טעראָר פון דער ג. פּ. או.

טויזנטער און שפּעטער צענטליקער טויזנטער מענטשן, יידן און נישט־יידן,זענען געוואָרן אַרעסטירט, פאַרשפּאַרט אין טורמעס אָדער פאַרשיקט אין די ווייטסטע, קאַלטסטע געגנטן פון צפון רוסלאַנד און סיביר, וווּ פיל האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם הונגער און קעלט און זענען אומגעקומען. ס'זענען אויך באַוווּסט פאַלן פון גרויזאַמע דערשיסונגען.

אַרעסטירט האָט מען פאַרשידענערליי מענטשן, אַרטיקע און פּליטים. ביי יידן — סאָציאַליסטן, ציוניסטן און אומפּאַרטייאישע. שפּע־טער האָט מען בכלל אַרעסטירט אין הורט צענטליקער טויזנטער פּליטים און זיי פאַרשיקט אין די ווייטסטע מקומות. ס'זענען אַפילו געווען פאַלן, ווען מען האָט אַרעסטירט מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט אַ שם אַלס פּראָ־סאָוויעטישע.

מיט אַ באַזונדערער פוריע האָט די ג.פּ.או. זיך געוואָרפן אויף די סאָציאַליסטן און טרייד־יוניאָן־טוער. מיר וואָלטן געקאָנט אויפשטעלן אַ לאַנגע ליסטע פון אַ פּאָר הונדערט נעמען — אַלץ מענטשן, וועלכע האָבן מיט נשמה און האַרץ געדינט דער אַרבעטער־זאַך. פאַר דעם דאָזיקן „חטא" האָבן זיי פאַרלוירן זייער פרייהייט אָדער אַפילו מיטן לעבן באַצאָלט. מיר וועלן עס דאָ נישט טון, אָבער אַ פּאָר נעמען מוזן מיר פאָרט דערמאָנען.

אַ חוץ ערליכן און אַלטערן זענען אַרעסטירט געוואָרן נאָך דריי מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד".

קודם־כל אַ נ אַ ר אָ ז ע נ ט אַ ל. — אַ פרוי פון קרוב 70 יאָר. אַרעס־טירט האָט מען זי אָנהויב אָקטאָבער 1939 אין ווילנע, ווו זי איז געווען די פאָרזיצערין פון אַרטיקן קאָמיטעט פון „בונד" און פאָרזיצערין פון צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט (צ.ב.ק.), וואָס האָט אַרומגענומען אַלע יידיש־וועלטלעכע פאָלקס־שולן און מיטלשולן פון ווילנע און אומגעגנט.

זי איז געווען אַן גוזמא די באַליבטסטע און אַממערסטן געאַכטעטע פֿרוי ביי דער ווילנער יידישער באַפֿעלקערונג. אַן אידעאַליסטקע פֿון שענסטן מין; אַ מענטש וואָס האָט 50 יאָר פֿון איר לעבן אַוועקגעגעבן דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג; אַ רעוואָלוציאָנערע העלדין, וועלכע האָט אין 1904 צוזאַמען מיט איר מאַן, ד״ר פּאַוועל ראָזענטאַל, זיך באַטייליקט אין באַרימטן סיבירער בונט קעגן צאַריזם — באַקאַנט אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען „ראָמאַנאָווקע־אויפֿשטאַנד״ — און דערפֿאַר באַקומען 12 יאָר קאַטאָרגע.

זי האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט באַצייטנס אַוועק קיין אויסלאַנד, נאָך איידער די באָלשעוויקעס זענען אַריין אין שטאָט. זי האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט דאָס צו טון, ווייל — האָט זי געטענהט — זאָלן זיי מיט מיר טון, וואָס זיי ווילן, איך בלייב אויף מיין פּאָסטן און וועל פֿון אים נישט אַנטלויפֿן. אויף דער אויפֿפֿאָדערונג פֿון דער סאָוויעטישער מאַכט, אַז די פֿאַרשטייער פֿון אַלע אָרגאַניזאַציעס זאָלן זיך מעלדן, האָט זי זיך געמאָלדן אַלס פֿאַרשטייערין פֿון „בונד״, און באַלד דערנאָך האָט מען זי אַרעסטירט.

ווען ערליך און אַלטער זענען אין סעפּטעמבער 1941 באַפֿרייט געוואָרן, האָבן זיי זיך אינטערעסירט מיטן גורל פֿונם דאָזיקן טייערן מענטשן. די סאָוויעטישע אָפֿיציעלע פֿאַקטאָרן האָבן געענטפֿערט, אַז זי לעבט שוין נישט מער. זיי האָבן אָבער נישט אויפֿגעקלערט, ווי אַזוי, ווען און ווו זי האָט אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם. לויט אַ שפּעטערער פּריוואַטער ידיעה, זאָל מען זי האָבן אומגעבראַכט.

און איצט דער באַקאַנטער ביאַליסטאָקער אַרבעטער־טוער, מיטגליד פֿון צ. ק. פֿון „בונד״ — שאול גאָלדמאַן. אויך ער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט באַצייטנס אַוועק צו פֿאָרן אין אַ נייטראַל לאַנד, און אויך ער האָט עס נישט געוואָלט טון. נאָך זיין אַרעסט האָבן די קאָמוניסטן, דורך די מאָסקווער צייטונגען און אויף מיטינגען אין ביאַליסטאָק, געפֿירט אַ העסלעכע העץ־קאַמפּאַניע קעגן אים און אַפֿילו אָרגאַניזירט אַן אַקציע פֿון זאַמלען אונטערשריפֿטן אויף אַ טויט־שטראָףפֿאָדערונג. וואָס ס׳איז געוואָרן פֿון דעם דאָזיקן טוער, וואָס האָט יאָרן לאַנג אָנגעפֿירט מיט די גראַנדיעזע שטרייקן פֿון די ביאַליסטאָקער יידישע און פּוילישע טעקסטיל־אַרבעטער און גאַרבער, איז נישט באַוווסט, אָבער זיין גורל קען מען זיך משער זיין.

אַ דריטער מיטגליד פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון „בונד״, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרן מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער אין לידע, איז פֿאַרמשפּט געוואָרן אויף 15 יאָר טורמע פֿאַר געבן מאַטעריעלע

הילף יידישע אַרבעטער־פּליטים, וועלכע האָבן געהונגערט אין די אָקו־פּירטע געביטן. זומער 1941, נאָכן נאַצישן אָנפֿאַל אויף סאָוויעט־רוס־לאַנד, איז אים געלונגען אַרויסצובאַקומען זיך פֿון תּפֿיסה. דאָס איז אַן אַלטער פֿאַרדינסטפֿולער סאָציאַליסטישער טוער. מיר רופֿן דאָ נישט אַן זיין נאָמען, ווייל ער איז שפּעטער געוואָרן איינער פֿון די פֿירער פֿון דער אונטערערדישער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין נאַצי־פּוילן.

מיר וועלן נישט ריידן וועגן פֿיל אַנדערע אַרעסטירטע, כאָטש עס בעט זיך פּשוט אויף דאָס צו דערציילן. נאָר איין פֿאַל ווילן מיר נאָך איבערגעבן, ווייל ער איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער אויפֿפֿירונג פֿון דער סאָוויעטישער ג. פּ. או.

אין גראָדנע איז די לעצטע יאָרן פֿאַר דער מלחמה געווען טעטיק אַ יינגער בונדיסט, וועלכער האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אַלס גלענצנדער אָראַטאָר. מיט זיינע מוטיקע רעדעס קעגן רעאַקציאָנערן רעזשים האָט ער אַרויסגערופֿן קעגן זיך דעם צאָרן פֿון די מאַכט־אָרגאַנען און פֿון דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע. ער איז געשטאַנען בראש פֿון אַלע גרויסע קאַמפּן פֿון די יידישע, פּוילישע און וויס־רוסישע אַרבעטער, וועלכע האָבן צו אים געהאַט דעם העכסטן צוטרוי. אַ פּאָר חדשים פֿאַר דער מלחמה איז ער געווײלט געוואָרן אַלס ראַטמאַן פֿון שטאָט־ראַט בראש פֿון דער בונדישער ליסטע, וועלכע האָט געהאַט די שטימען פֿון דער גרויסער מערהייט פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג. באַלד נאָכן אָנקומען פֿון דער ג. פּ. או. האָט מען אַרעסטירט די אָנגע־זעענסטע אַרבעטער־טוער פֿון שטאָט און אויך דעם דאָזיקן בונדישן טוער. איז נאָך ווייניק געווען, וואָס ער אַליין האָט באַקומען 8 יאָר תּפֿיסה; מען האָט זיך אויך נוקם געווען אין זיין פֿרוי: ווען זי איז געקו־מען אַרויסנעמען אַ פּאַספּאָרט, האָט מען איר אין דער רובריק פֿון באַשעפֿטיקונג אַריינגעשריבן: „פֿרוי פֿון אַ פּוילישן פּאָליציי־אַגענט". אַז מיט אַזאַ פּאַספּאָרט איז כאָטש וואַרף זיך אין וואַסער אַריין, איז קלאָר.

מיר דערציילן דאָס אַלץ, נישט כּדי צו גראָבלען זיך אין אַלטע ווונדן, — איבעריקנס, די ווונדן זענען נאָך אָפֿענע אגן טריפֿן מיט בלוט. מיר ברענגען עס דאָ, כּדי פֿאַרצושטעלן יענע גיפֿטיקע אַטמאָספֿער, ווען די פֿירער פֿון די יידישע אַרבעטער זענען אַרעסטירט געוואָרן.

די ג. פּ. או. האָט זיך געוואָרפֿן מיט די לעבנס פֿון צענדליקער טויזנטער אומשולדיקע מענטשן. די ג. פּ. או. האָט פֿאַגראָמירט די ברייט־פֿאַרצווייגטע יידישע און פּוילישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וואָס די אַרבעטער־מאַסן האָבן מיט אַזוי פֿיל מסירת־נפֿש און הייליקן ציטער געבויט צענדליקער יאָרן.

די פירער פון „בונד" אין סאָוויעטישער תּפיסה

אין די שטעט, ווו זיי זענען אַרעסטירט געוואָרן, האָט מען ערליכן און אַלטערן געהאַלטן נישט לאַנג. ביידע — ערליך נאָך אַ פּאָר טעג, אַלטער נאָך אַ פּאָר וואָכן — זענען געוואָרן איבערגעפירט קיין מאָסקווע. דאָס האָט באַדייט, אַז זייער ענין ווערט אַרויסגענומען פון רשות פון די אָרטיקע ג. פּ. או.־אָפּטיילונגען און זיי ווערן אַ משכּון פון דער צענטראַלער סאָוויעטישער רעגירונג.

אָבער דאָ איז געשען אַ מאָדנע זאַך. מען האָט זיך לפנים מער מיט זיי נישט אינטערעסירט. זיי זענען געזעסן אָפּגעטיילט איינער פון אַנ־דערן אין אַ מאָסקווער טורמע — און נישט מען האָט זיי געמשפּט, און נישט מען האָט זיי געזאָגט, אין וואָס זיי ווערן באַשולדיקט.

די אַרעסטירטע — יעדער פאַר זיך — האָבן גענומען מאָנען און פאָדערן. זיי האָבן געטענהט: אָדער — אָדער. האָט איר עפּעס אונז פאַרצוואַרפן — משפּט אונז. אויב נישט — לאָזט אונז אַרויס פריי. וויקטאָר אַלטער האָט זיין פאָדערונג אַפילו אונטערגעשטיצט מיט אַ ריי לאַנג־דויערנדיקע הונגער־שטרייקן.

ענדלעך האָט מען זיך אויף זיי „מרחם געווען": מען האָט זיי גע־מאָלדן, אַז זיי ווערן באַשולדיקט אין אַנטי־סאָוויעטישער טעטיקייט אין פוילן אין די יאָרן פאַר דער מלחמה. די באַשולדיקונגען זענען געווען פאַנטאַסטישע. מען האָט זיי פאַרגעוואָרפן, אַז זייענדיק אין פוילן, האָבן זיי אָרגאַניזירט סאַבאָטאַזש אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד; אַז אַ ריי אָנגע־זעענסטע קאָמוניסטישע פירער, וועלכע מען האָט די לעצטע יאָרן אומגעבראַכט, ווי משה ראַפעס, אסתּר פרומקין, משה ליטוואַקאָוו (רעדאַקטאָר פון מאָסקווער „עמעס") און אַנדערע זענען געווען אַגענטן פון ערליכן און אַלטערן און פון דער פוילישער פּאָליציי, און אויסגע־פירט זייערע באַפעלן.

אויף דער געהיימער געריכט־קאָמעדיע, וואָס די ג. פּ. או. האָט אין אויגוסט 1941 איינגעאָרדנט (שוין בעת דער סאָוויעטיש־נאַצישער מלחמה) האָט ערליך געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע, אָבער דער פּראָקוראָר האָט געשוויגן ווי אַ פיש און דאָס מויל נישט געעפנט.

אַלטער האָט אויף זיין געריכט־קאָמעדיע (מען האָט יעדן געמשפּט באַזונדער) אינגאַנצן נישט גערעדט און עס האָט אויך די גאַנצע צייט געשוויגן דער פּראָקוראָר. ערליך און אַלטער זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט!

נאָכן איבערלייענען דעם טויט־אורטייל האָט מען זיי ביידע איבערגעפירט אין באַזונדערע טויטן־קאַמערן צו וואַרטן אויף דער

עקזעקוציע. אַזוי האָבן זיי געוואַרט אויפֿן תּליון עטלעכע און צוואַנ־
ציק מעת לעת. מען האָט די פֿאַרמשפּטע געמאָלדן, אַז זיי האָבן רעכט
במשך פֿון דריי טעג צו דערלאַנגען אַ ביטע וועגן באַגנעדיקונג. זיי
האָבן ביידע, אַלס פּראָטעסט קעגן יוסטיץ־חוזק, נישט אויסגענוצט
די דאָזיקע „רעכט”.



וויקטאָר אַלטער — צווישן צוויי טויט־אורטיילן. אַזוי האָט אים געזען און געצייכנט אין
מאָסקווע, אָקטאָבער 1941, דער באַרימטער פּוילישער קינסטלער פֿעליקס טאָפּאָלסקי.

פון דער טויטן קאַמער — צו דער פריי!

וואַרטנדיק אין טויטן קאַמער אויפֿן לעצטן אַקט, האָבן זיי דער־האַלטן אַ מעלדונג, אַז מען האָט אַרויסגעוויזן צו זיי חסד און די טויט־שטראָף פֿאַרביטן אויף 10 יאָר טורמע. אָבער אויך די שטראָף איז באַלד אָראָפּגענומען געוואָרן. די פּוילישע רעגירונג האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דער סאָוויעטישער, וועלכע האָט פֿאַרויסגעזען אַן אַמנעסטיע פֿאַר אַלע פּוילישע בירגער, וועלכע זענען אַרעסטירט אָדער פֿאַרשיקט געוואָרן אין סאָוויעט־רוסלאַנד. אויפֿן סמך פֿון אָט דער אַלגעמיינער אַמנעסטיע זענען אויך אַלטער און ערליך אין סעפּטעמבער 1941 אַרויסגעלאָזט געוואָרן פֿון תּפֿיסה.

ס'איז געווען אַ פֿאַטאַלער טעות

נאָך דער באַפֿרייאונג זענען ביידע איינציקע מאָל אַרויסגערופֿן געוואָרן אין אינערן־קאָמיסאַריאַט (נ. ק. וו. ד. — ג. פּ. או.). מ'האָט מיט זיי גערעדט וועגן פֿאַרשידענע ענינים.

די געשפּרעכן האָבן געפֿירט הויכע סאָוויעטישע באַאַמטע — פּולקאָווניק וואָלקאָווסקי, ווי אויך דער אינערן־קאָמיסאַר (פֿירער פֿון ג. פּ. או.) בעריאַ אַליין. קודם כּל האָט מען ערליכן און אַלטערן אָפֿיציעל איבערגעבעטן. מ'האָט זיי דערקלערט, אַז מ'האָט צו זיי אייגנט־לעך גאָרנישט. דער אַרעסט און דאָס לאַנגע האַלטן זיי אין טורמע, ווי אויך דער שפּעטערדיקער אורטייל זענען אַ רעזולטאַט פֿון אַ „פֿאַטאַלן טעות".

די סאָוויעטישע רעגירונג — האָט מען זיי אינפֿאָרמירט — איז פֿאַראינטערעסירט אויסצונוצן זייער גרויסן אויטאָריטעט און אָנזען אין דער וועלט פֿאַרן געמיינזאַמען קאַמף קעגן פֿאַשיזם און נאַציזם.

די צוויי בונדישע פֿירער האָבן דערקלערט, אַז זייער פּאַרטיי און זיי גופֿא האָבן תּמיד געקעמפֿט קעגן רעאַקציע בכלל און קעגן פֿאַשיזם בפֿרט. זיי וועלן גערן זיך שטעלן אין דינסט פֿון קאַמף קעגן באַרבאַ־רישן שונא — דעם היטלעריזם.

אין הסכּם מיט דעם האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו די יידישע פּליטים, פּוילישע בירגער, אַריינצוטרעטן אין דער פּוילישער אַרמיי, וואָס שאַפט זיך אויפן באָדן פון סאָוויעט־רוסלאַנד.

אָט איז דער אינהאַלט פון אויפרוף, וואָס ערליך און אַלטער האָבן מיטן וויסן פון דער סאָוויעטישער מאַכט אַרויסגעלאָזט נאָך זייער באַפרייאונג אין סעפּטעמבער 1941:

„היינט ווען אויף דער טעריטאָריע פון סאָוויעט־רוסלאַנד בילדעט זיך אויס די נייע פּוילישע אַרמיי פאַר דעם ווייטער־דיקן קאַמף קעגן היטלערן, ווענדן מיר זיך צו אַלע יידן, בירגער פון פּוילן, וועלכע געפינען זיך איצט אין סאָוויעט־רוסלאַנד און זענען פעיִק זיך צו באַנוצן מיט געווער, מיט אַ רוף:

„צום וואָפן! שטעלט זיך אין די רייען פון די זעלנער, וועלכע דאַרפן מיט זייער אייגן בלוט נאָך אַמאָל באַצאָלן פאַר דאָס רעכט פון פּוילן צו אַ פרייַ לעבן; וועלכע ווילן, צוזאַמען מיט די אַר־מייען פון די פאַרבינדעטע מלוכות, באַפרייען פּוילן און באַפרייען די גאַנצע וועלט פון דעם געשפּענסט פון „ברוינער קנעכטשאַפט". די צווישן אייך, וואָס זענען ניט פעיִק שוין מער צו טראָגן געווער, זאָלן ניט זשאַלעווען קיין מי, כּדי צו העלפן דער אַרמיי צו דערפילן אירע אויפגאַבן, כּדי צו דערנענטערן דעם געווונטשטן נצחון.

„דער אָנטייל אין דער איצטיקער מלחמה פאַר פרייהייט איז אי אַ חוב, אי אַ בכּבודיקע רעכט. אין נאָמען פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן און פון דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע שענקען אונז זייער צוטרוי, דעקלאַרירן מיר זייער גרייטקייט צו דערפילן דעם דאָזיקן חוב און זייער פאַרלאַנג צו האָבן אַ מעגלעכקייט צו מאַכן אַ געברויך פון זייערע רעכט".

ה. ערליך און וו. אַלטער.

מיט דער דערלויבניש פון דער סאָוויעטישער מאַכט האָבן זיי דעם 22 סעפּטעמבער 1941 אויך אַרויסגעשיקט אַ דעפּעשע צום „פאָר־ווערטס" אין ניו־יאָרק, אַז זיי שטייען ווייטער אין געמיינזאַמען קאַמף קעגן פאַשיזם, פאַר סאָציאַליזם.

סאָוויעטישע רעגירונג שלאָגט פאָר זיי זאָלן ווערן די פירער פון יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט

צווישן אַנדערע איז די סאָוויעטישע רעגירונג געקומען מיט אַ קאָנקרעטן פאָרשלאָג, אַז ערליך און אַלטער זאָלן זיך שטעלן בראש

פֿון יידישן אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט אין סאָוויעט־רוסלאַנד און שאַפֿן אָפּטיילונגען מחוץ רוסלאַנד. ערליך האָט געזאָלט זיין דער פֿאָרזיצער, אַלטער דער סעקרעטאַר. אַלס וויצע־פֿאָרזיצער איז אָנגע־מערקט געוואָרן דער באַוווּסטער סאָוויעטישער אַרטיסט מיכאָעלס. דער ראש פֿון דער ג. ק. וו. ד. (ג. פּ. או.) בעריאַ האָט צוזאַמען מיט ערליכן און אַלטערן אַרומגערעדט די פּלענער פֿון דער אַרבעט, ווי אויך דעם צוזאַמענשטעל פֿון קאָמיטעט און זיינע סטאַטוטן. ער האָט אַפֿילו שוין געגעבן אַ דערלויבניש אַרויסצורופֿן פֿון אַנדערע ערטער אייניקע בונדיסטן פּליטים, וועלכע זענען אָנגעמערקט געוואָרן אַלס מיטגלידער פֿון קאָמיטעט, צווישן זיי דעם נישט־לאַנג פֿאַרשטאָרבע־נעם חבר ד״ר הענריק שרייבער פֿון קראָקע.

דער ג. פּ. או. ראש בעריאַ האָט פֿאַרגעלייגט, אַז ערליך און אַלטער זאָלן נאָך, כּדי צו פֿאַרענדיקן דעם ענין, שיקן אַ מעמאָראַנדום צו סטאַלינען, וועלכער דאַרף געבן אַ הסכּם צו אַלע אָפּגערעדטע זאַכן, ווי אויך צו אַלע פֿאָרשלאָגן. ערליך און אַלטער האָבן טאַקע אַזאַ מע־מאָראַנדום אויסגעאַרבעט און אים איבערגעשיקט צו סטאַלינען.

זאָל ביי דער געלעגנהייט דערמאָנט ווערן, אַז סטאַלין האָט געקענט ערליכן פּערזענלעך. זיי האָבן אין 1917 געאַרבעט צוזאַמען אין עקזע־קוטיוו פֿון פּעטערבורגער סאָוויעט. געווען אַפֿילו אַ פֿאַל, ווען ערליך און סטאַלין האָבן געמיינזאַם אויסגעאַרבעט אַ דאָקומענט. דאָס איז געווען דעם 21 אַפּריל 1917. דער פּעטערבורגער סאָוויעט האָט אויס־געקליבן אַ קאָמיסיע פֿון דריי פּערזאָן — ערליך, סטאַלין און סטעקלאָוו — אויסצואַרבעטן אַן עפֿנטלעכע ווענדונג צו די סאָלדאַטן און מאַט־ראָזן פֿון קראָנשטאַט און פֿון אַ ריי אַנדערע גאַרניזאָנען אַרום דער הויפּט־שטאָט. די דריי האָבן די ווענדונג אויסגעאַרבעט און דער פּעטערבורגער סאָוויעט האָט זי אָנגענומען.

אַ חוץ דער אַרבעט אין יידישן אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט, האָבן די פֿאָרשטייער פֿון דער סאָוויעטישער רעגירונג אויך פֿאָרגע־לייגט, אַז ערליך און אַלטער זאָלן זיך שטעלן אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט דער אונטערערדישער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן און אויסנוצן די פֿאַרבינדונג פֿאַר וויכטיקע אַנטי־נאַצישע אַרבעטן.

מען דאַרף דאָ נאָך צוגעבן, אַז אין דער צייט נאָך דער באַפֿרייאונג האָבן די בונדישע פֿירער געהאַט אַ מעגלעכקייט צו קומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע אָדער אין ענגלאַנד. וואָס שייך ענגלאַנד, האָבן זיי געהאַט אַ ספּעציעלע סיבה. די אונטערערדישע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג פֿון פּוילן האָט באַקומען די רעכט אויף

אַ פֿאָרשטייער אין פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט (גלות־פּאַרלאַמענט), וואָס עקזיסטירט אין לאָנדאָן. ערליך איז באַשטימט געוואָרן אַלס דער פֿאָר־שטייער און אַלטער אַלס זיין פֿאַרטרעטער. די סאָוויעטישע רעגירונג האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט צו געבן זיי אַן אַרויספֿאָר־דערלויבניש.

אַלטער און ערליך האָבן דעריבער געמוזט בלייבן אין ראַטן־רוסלאַנד און וואַרטן אויף דער דערלויבניש פֿון סטאַלינען אָנצוהייבן זייער אַרבעט אַלס פֿירער פֿון יידישן אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט. אַנשטאָט דעם איז אָבער געקומען אַ באַפֿעל וועגן צווייטן אַרעסט.


Moskwa 27. IX.
Rodzinko najmilejsza, dzieci naj-
droższe! Całuję Was serdecznie
a mocno-wszystkich razem, każ-
dego osobna! Czy to możliwe, że znów
do Was piszę? Były chwile, kiedy wyd-
awało mi się to nieprawdopodobne.

אַ לעצטער גרוס. צווישן איין טויט־אורטייל און צווייטן, אין די פּאָר וואָכן, ווען הענריק ערליך איז געווען אויף דער פֿריי, האָט ער איבערגעשיקט אַ בריוו צו זיין פֿאַמיליע. מיר גיבן אַ פֿאָטאָגראַפֿישע קאָפּיע פֿון אָנהויב פֿון בריוו, וואָס לייענט זיך אַזוי:

„מאָסקווע, דעם 27. IX.

„סאָפּיענקע ליבסטע, קינדער טייערסטע! כ'דריק אייך האַרציק און שטאַרק — אַלע צוזאַמען און יעדן באַזונדער! צי איז עס מעגלעך, אַז איך שרייב ווידער צו אייך? עס זענען געווען רגעס, ווען דאָס האָט זיך מיר געדוכט פֿאַר אומוואַרשיינלעך. איך האָב דאַן דורכגעטראַכט מיין גאַנץ לעבן״......

דער צווייטער אַרעסט

אין דער נאַכט פֿון 3טן אויפֿן 4טן דעצעמבער 1941 האָבן זיי אין אַ האָטעל פֿון קויבישעוו באַקומען אַ טעלעפֿאָנישע ווענדונג, אַז זיי זאָלן תּיכּף קומען אין ג. פּ. או., ווייל אַ באַאַמטער דאַרף זיי האָבן וועגן אַ וויכטיקן ענין. זיי זענען אַוועק און מער שוין נישט צוריק געקומען.

די אַרבעטער־באַוועגונג און די ליבעראַלע וועלט פֿאָדערן זייער באַפֿרייאונג

גלייך נאָכן ערשטן אַרעסט אין 1939 האָט מען אָנגעהויבן מאַכן שטאַרקע באַמיונגען וועגן זייער באַפֿרייאונג. די דעלעגאַציע פֿון „בונד״ אין אַמעריקע האָט זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט די גרויסע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פֿון אַמעריקע און ענגלאַנד, ווי אויך מיט די אָנגעזעענסטע פֿאָרשטייער פֿון דער ליבעראַלער וועלט וועגן אינטערווענירן לטובת אַלטערן און ערליכן. אומעטום האָט מען אָנגעטראָפֿן אויף אַ סימפּאַטישער און מיטפֿילנדער באַציונג צו דער זאַך; אַלע האָבן געוואָלט העלפֿן אַרויסראַטעווען די 2 יידישע אַרבעטער־פֿירער, וועלכע זענען געווען גוט־באַקאַנט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי אויך אין די ליבעראַלע קרייזן. זייער אַרעסט האָט מען אומעטום געהאַלטן פֿאַר אַ זינד און אומבאַרעכטיקטע עוולה.

די אינטערווענצן האָבן זיך אָנגעהויבן אין נאָוועמבער 1939 און האָבן געדויערט ביז פֿעברואַר 1943. צווישן די צאָלרייכע פֿער־זענלעכקייטן און פֿאָרשטייער פֿון די גרעסטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין דער רעטונג־אַקציע זענען געווען: וויליאַם גרין — פֿירער פֿון דער אַמעריקען פֿעדעריישן אָוו לייבאָר, פֿיליפּ מאָריי — פֿירער פֿון דער סי. איי. אָ., דוד דובינסקי — פֿירער פֿון דאַמען־שניידער־פֿאַריין (אינטערנעשאָנעל) אין אַמעריקע, סידניי הילמאַן —פֿירער פֿון מענער־ שניידער פֿאַריין (אַמאַלגאַמייטעד) אין אַמעריקע, אַדאָלף העלד — פֿאָרזיצער פֿון יידישן אַרבעטער קאָ־מיטעט, יוסף וויינבערג— פּרעזידענט פֿון אַרבעטער־רינג, ד״ר ב. האָפֿמאַן

(צביון) — פֿאָרזיצער פֿון יידישן שרייבער־פֿאַריין, פּראָפֿעסאָר אַלבערט איינשטיין, ד״ר פֿרענק קינגדאָן, ריינאָלד ניבור, ריימאָנד גראַם סווינג, פּויל קעלאָג, קלינטאָן גאָלדען, י. ב. ס. האַרדמאַן, נאָרמאַן טאָמאַס, זש. ב. קערי — סעקרעטאַר פֿון סי. איי. אָ., לעאָן קושיצקי — פֿאָרזיצער פֿון דער סלאַוון־פֿאַראייניקונג אין אַמעריקע און אַ ריי אַנדערע ליבעראַלע פּערזענלעכקייטן און אַרבעטער־פֿאָרשטייער.

מיט דעם ענין האָט זיך אויך פֿאַראינטערעסירט דער אַמעריקאַנער סטייט דעפּאַרטמענט, אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָרן, ווי אויך ווענדל ווילקי און פֿרוי רוזוועלט. די לעצטע האָט עס געטון לויט אַ ווענדונג פֿון ערליכס פֿאַמיליע צו איר. וואָס שייך ווילקין האָט ער די אינטערווענץ דורכגעפֿירט צוויי מאָל: דאָס ערשטע מאָל — פּערזענלעך, בעת ער איז הערבסט 1942 געווען אין מאָסקווע, דאָס צווייטע מאָל — אין יאַנואַר 1943 שריפֿטלעך.

די רעטונג־אַקציע איז אויך געפֿירט געוואָרן דורך דער אַרבעטער־באַוועגונג פֿון ענגלאַנד. פֿאָדערונגען צו באַפֿרייען ערליכן און אַלטערן זענען סיי נאָכן ערשטן, סיי נאָכן צווייטן אַרעסט אַרויסגעשטעלט געוואָרן דורך די אָנגעזעענסטע פֿירער פֿון סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל און פּראָפֿעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל, ווי אויך דורך פֿיל סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פֿון אייראָפּע און דרום־אַמעריקע, און דורך אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פֿון דרום־אַפֿריקע און אויסטראַליע.

נאָך אין 1939 האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון די ענגלישע טרייד־יוניאָנס וואָלטער סיטרין אינטערווענירט ביי דעם סאָוויעטישן אַמבאַסאַדאָר מאַיסקי אין לאָנדאָן. אויך די רעגירונג פֿון בעלגיע, וואָס איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אַריינגעצויגן אין קריג, האָט זיך מיט דעם ענין פֿאַרנומען. אַ ריי פֿראַנצויזישע סאָציאַליסטן מיט לעאָן בלום בראָש האָבן אויך געפּרוווט העלפֿן ראַטעווען די אַרעסטירטע יידישע אַרבעטער־פֿירער.

אין ענגלאַנד האָבן געפּרוווט העלפֿן די אָנגעזעענסטע פֿירער פֿון דער אַרבעטער־פּאַרטיי, ווי עטלי, מאָריסאָן, גרינווד, גיליס, מידלטאָן, דער שוין דערמאָנטער סיטרין, ווי אויך קריפּס, בריילספֿאָרד און אַנדערע. ערשט מיט אייניקע חדשים צוריק האָט דער 60־טער יערלעכער צוזאַמענפֿאָר פֿון די ענגלישע קאָאָפּעראַטיוון, וואָס רעפּרעזענטירן מיליאָנען מיטגלידער, איינשטימיק אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס פֿאָדערט די באַפֿרייאונג פֿון ה. ערליך און וו. אַלטער.

פֿון די אַנדערע אינטערנאַציאָנאַל באַרימטע פּערזענלעכקייטן, וואָס זענען געווען באַטייליקט אין דער אַקציע, וועלן מיר נאָך דער־

מאַנען די נעמען פֿון די פֿירער פֿון די עסטרייכישע סאָציאַליסטן פֿרידריך אַדלער און אָסקאַר פּאָלאַק, די בעלגישע סאָציאַליסטישע פֿירער דע ברוקער, הויסמאַנס און ספּאַק; מצד דער פּוילישער רע־גירונג האָבן אינטערווענירט פּרעמיער גענעראַל שיקאָרסקי, אויסערן מיניסטער ראַטשינסקי און פּוילישער אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע — פּראָפֿעסאָר קאָט.

די אַלע אומפֿאַנגרייכע באַמיונגען האָבן אָבער קיין שום פּעולה נישט געהאַט. נישט נאָר איז די סאָוויעטישע רעגירונג נישט אַנטקעגנ־געקומען דעם ווונטש פֿון מיליאָנען אָרגאַניזירטע אַרבעטער און פֿון ברייטע קרייזן פֿון דער ראַדיקאַלער אינטעלעקטועלער וועלט צו באַפֿרייען די אומשולדיק אַרעסטירטע, נאָר זי האָט אַפֿילו נישט אַרויס־געוויזן דעם מינימום אָנשטענדיקייט צו ענטפֿערן אויף די פֿיל אָנ־פֿראַגעס ווו די אַרעסטירטע געפֿינען זיך און צי זיי לעבן. מען האָט אויך אָפּגעזאָגט צו ענטפֿערן דעם אַמעריקאַנער רויטן קרייץ. אויף אַ ווענדונג פֿון אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע האָט מען אים געגעבן אַן אָפֿיציעלן ענטפֿער, אַז רוסלאַנד ווינטשט זיך נישט קיין שום אינטערווענצן פֿון אים בנוגע נישט־אַמעריקאַנער בירגער. און אַ פּאָר חדשים נאָכן צווייטן אַרעסט האָט מען דעם פּוילישן אַמ־באַסאַדאָר אין קויבישעוו ציניש דערקלערט, אַז ער האָט נישט קיין רעכט צו אינטערווענירן וועגן ערליכן און אַלטערן, ווייל... ביידע זענען גאָר סאָוויעטישע בירגער.

נישט אַלע אינטערווענצן האָבן דעם זעלבן מזל...

מען דאַרף נישט מיינען, אַז די סאָוויעטישע פֿירער זענען תמיד אַזוי איינגעעקשנט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אינטערווענצן בנוגע אַרעסטירטע אויסלענדער. עס האַנדלט זיך נאָר וועגן וועמען מען אינטערווענירט און דער עיקר — ווער עס ווענדט זיך.

אָט, למשל, האָט מען אויך אין מזרח־פּוילן, אין זיין שלאָס אין ניעסוויעזש, אַרעסטירט דעם פּוילישן פֿירשט ראַדזיוויל. אַ חוץ זיין טיטול און ריזיקן פֿאַרמעגן האָט ער נאָך געהאַט אויף זיין רעקאָרד זיין פּאָליטישע טעטיקייט אין פּוילן, ווו ער איז געווען איינער פֿון די הויפּט־זיילן פֿון הערשנדן האַלב־פֿאַשיסטישן רעזשים. ער האָט זיך באַזונדערס באַרימט געמאַכט דערמיט, וואָס פּילסודסקי איז געקומען צו אים אין שלאָס און דאָרט געשלאָסן אַ פּאָליטישן פּאַקט מיט דער שלאַכטע, מיט די פּריצים. פֿון דאַן אָן האָט זיך אָנגעהויבן

פּילסודסקיס שאַרפֿער דיקטאַטאָרישער קורס. די אַרבעטער און פּויע־רים האָבן ביטער באַקעמפֿט די „ניעסוויעזשער פּאָליטיק״.

נאָכן פּירשט ראַדזיוויל׳ס אַרעסט האָבן זיך אויך אָנגעהויבן אינ־טערווענצן. פֿאַרשטייט זיך, אַז וועגן אים האָבן זיך נישט געריסן די פֿאָלע די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און די ליבעראַלע קרייזן. וועגן אים האָט זיך אָנגענומען פֿון איין זייט זיינס אַ מחותּן — דער אי־טאַליענישער קעניג, און פֿון דער צווייטער זייט — היטלער. דער לעצטער האָט געהאַט דערביי זיין פּאָליטישע אויסרעכנונג. הגם ער איז געווען געבונדן מיט סטאַלינען דורך פֿריינדשאַפֿט־ און נישט־אָנגריף־ אָפּמאַכן, האָט ער שוין געפּלאַנט זיין אָנפֿאַל אויף סאָוויעט־רוסלאַנד. ער איז דעריבער געווען שטאַרק פֿאַראינטערעסירט צו האָבן הינטערן פֿראָנט אַ קוויזלינג־רעגירונג אין פּוילן. נישט האָבנדיק קיין דערפֿאָלג מיט זיינע אָפּערטעס ביי אַנדערע, האָט היטלער גע־רעכנט, אַז ער וועט אפשר פּועלן ביים פּירשט ראַדזיוויל. ער האָט אים דעריבער געדאַרפֿט נויטיק האָבן.

און דער זעלבער סטאַלין, ביי וועמען די ווענדונגען פֿון די גרעסטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און פֿון די אָנגעזעענסטע אַרבעטער־פֿירער און ליבעראַלע פּערזענלעכקייטן האָבן קיין שום ווערט נישט — מען וויל זיי אַפֿילו נישט ענטפֿערן ווו די אַרעסטירטע געפֿינען זיך אָדער פֿאַרוואָס מען האַלט זיי אַרעסטירט — האָט אָבער געהאַט אַן אָפֿן אויער פֿאַר די אַפּילס פֿון איטאַליענישן קעניג און היטלערן. פּירשט ראַדזיוויל איז פֿאַרן נאַצישן אָנפֿאַל אויף סאָוויעט־רוסלאַנד אַרויס־געלאָזט געוואָרן פֿון דער סאָוויעטישער תּפֿיסה און פֿון רוסלאַנד. (למען האמת דאַרף מען צוגעבן, אַז קיין פּוילישער קוויזלינג איז ער נישט געוואָרן. ראַדזיוויל האָט אָפּגעוואָרפֿן די אָפּערטע צו פֿאַראַטן זיין פֿאָלק און ווערן אַ דינער פֿון היטלערן).

וואָס שייך דער מעשׂה מיט פּירשט ראַדזיוויל, קאָן מען געפֿינען אַ „זכות״ אויף דער סאָוויעטישער רעגירונג. זי איז דאַן געווען אין פֿריינדלעכע באַציִונגען מיט דייטשלאַנד, בעת ענגלאַנד און אַמעריקע און די באַזיגטע לענדער פֿון אייראָפּע האָט זי דאַן באַשולדיקט אַלס מלחמה העצער. אָבער נאָכן צווייטן אַרעסט פֿון די בונדישע פֿירער, איז דאָך סאָוויעט־רוסלאַנד שוין געווען אין די רייען פֿון די אַליאירטע פֿעלקער — פֿאַרוואָס זיי נישט געבן די זעלבע פּריווילעגיע, וואָס היטלער האָט בשעתו געהאַט? פֿאַרוואָס אַזאַ באַליידיקנדע און גרינגשעצנדע באַציִונג צו דער עפֿנטלעכער מיינונג און די אָנגעזעענסטע פּערזענלעכ־קייטן פֿון די אַליאירטע דעמאָקראַטישע מלוכות?

די שרעקלעכע בשורה

דעם 23 יאַנואַר 1943 האָבן אַ ריי אָנגעזעענע אַרבעטער־פירער מיט וויליאַם גרין און פיליפּ מאַריי בראש, ווי אויך אַ ריי ליבעראַלע פּערזענלעכקייטן מיט אַלבערט איינשטיין בראש צוזאַמען נאָכאַמאָל אָנגעפרעגט...

אָבּיעקגעשיקט צו דער סאָוויעטישער רעגירונג אַ דעפּעשע מיטן פאַרלאַנג צו באַפרייען ערליכן און אַלטערן. דאָס איז שוין געווען די לעצטע אינטערווענץ, דער לעצטער פּרווו פון רעטונג. ווארים דאָס מאָל — דאָס איינציקע מאָל — איז יאָ געקומען אַ תשובה. אין אַ חודש אַרום — דעם 23 פעברואַר 1943 איז פון סאָוויעטישן אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן, מאַקסים ליטווינאָוו, געקומען אַזאַ בריוו צום פּרעזידענט פון דער אַמעריקען פעדעריישן אָוו לייבאָר, וויליאַם גרין:

„וואַשינגטאָן, דעם 23טן פעברואַר, 1943.

„דער פאָלקס־קאָמיסאַר מאָלאָטאָוו האָט מיר געגעבן צו וויסן, אַז ער האָט באַקומען די דעפּעשע, וועלכע איר האָט אונטערגעשריבן און וועלכע האָט געהאַט אַ שייכות צו די צוויי סאָוויעטישע בירגער אַלטער און ערליך. מאָלאָטאָוו האָט מיר געגעבן אַן אינסטרוקציע צו אינפאָרמירן אייך וועגן די פאָלגנדיקע פאַקטן:

„צוליב זייער אַקטיווער פיינטלעכער אַרבעט קעגן דעם סאָוויעטישן פאַרבאַנד און מיטאַרבעט אין דער באַוואָפנטער טעטיקייט פון די אָרגאַנען פון דער פּוילישער דעפענסיווע, זענען ערליך און אַלטער פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט אין אויגוסט, 1941.

„אויפן פאַרלאַנג פון דער פּוילישער רעגירונג, זענען ערליך און אַלטער באַפרייט געוואָרן אין סעפּטעמבער, 1941.

„דאָך, נאָכדעם ווי זיי זענען באַפרייט געוואָרן, אין דער צייט פון די פאַרצווייפלטסטע קאַמפן פון דער סאָוויעטישער אַרמיי קעגן דער מאַרשירנדיקער פאַרויס אַרמיי פון היטלערן, האָבן זיי באַנייט זייערע פיינטלעכע טעטיקייטן, איינשליסנדיק אַפילס צו די סאָוויעטישע זעלנער אָפּצושטעלן די בלוט־פאַרגיסונג

און תּיכּף שליסן אַ שלום מיט דייטשלאַנד. צוליב דעם זענען זיי נאָכאַמאָל אַרעסטירט געוואָרן און, אין דעצעמבער 1942, ווידעראַמאָל פֿאַראורטיילט געוואָרן צום טויט דורך אַ מיליטערישער קאָלעגיע פֿון אונזער העכסטן געריכט.

„דער דאָזיקער אורטייל איז אויסגעפֿירט געוואָרן אין באַצוג צו ביידע.

אַמבאַסאַדאָר מאַקסים ליטווינאָוו.“

שווינדל און ליגן

דער פֿריער געבראַכטער דאָקומענט — דערשיטערט און איבעראַשט. ער דערשיטערט מיט דער גרויזאַמקייט פֿון פֿאַרברעכן; ער איבעראַשט — מיט דער אומפֿאַרשעמטקייט פֿון די מערדער.

צו דער פֿאַרטיידיקונג, צו דער ריינוואַשונג פֿון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער — דאַרפֿן מיר גאָרנישט זאָגן. זייער גאַנץ לעבן, זייער געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייט, זייער כאַראַקטער און איבערצייגונגען, זייערע געדאַנקען און טאַטן שטעלן זיי הימל־העכער פֿון די שמוציקע בלבולים, וואָס די הענקער וואַרפֿן אויף זיי נאָכן מאָרד. מיר וואָלטן אייגנטלעך דאָ געקענט שטעלן אַ פּונקט. ס׳זענען מער נישט נויטיק קיין ווערטער — אַלץ איז דאָך אַזוי קלאָר; נישט נויטיק מער קיין טאַדלונגען — ווייל דאָס אומשולדיק פֿאַרגאָסענע הייליקע בלוט פֿון די מאַרטירער שרייט אַליין.

אָבער לאָמיר זיך אָנטון אַ כּוח און לאָמיר זיך צום בריוו נעענטער צוקוקן. מיר ווייסן, אַז אין סאָוויעט־רוסלאַנד קאָן נישט אָן אָנגעקלאָגטער זיך פֿאַרטיידיקן געהעריק אין פּאָליטישע פּראָצעסן, איבערטראָגן זיין ענין אין אַן אַפּעלאַציע־געריכט און דערנאָך אין העכסטן געריכט. מיר ווייסן, אַז אין דעמאָקראַטישע לענדער, ווען אַפֿילו מען פֿאַרשפּילט אין אַלע אינסטאַנצן, בלייבט איבער נאָך אַ העכער געריכט — די עפֿנטלעכע מיינונג, אַלע געוויסנהאַפֿטע מענטשן אין לאַנד. דאָקעגן אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז דאָס געריכט, וואָס שייך פּאָליטישע פּראָצעסן, בלויז אַ קאָמעדיע, און טיילמאָל פֿאַרגינט מען זיך נישט אַפֿילו די קאָמעדיע צו שפּילן. דאָס געריכט ווערט פֿאַרטרעטן דורך אַ פּראָטאָקאָל, וואָס אַ פּאָר ג. פּ. אוניקעס שטעלן צונויף.

לאָמיר געניי באַטראַכטן די אָפֿיציעלע סאָוויעטישע מודעה — ליטווינאָווס בריוו:

באַלד אין ערשטן פּאַראַגראַף ווערט געזאָגט, אַז אַלטער און ערליך זענען געווען סאָוויעטישע בירגער. דאָס איז אַ בפֿירושער ליגן, ווייל:

א) זיי זענען געבוירן געוואָרן אין פּוילן;
ב) זיי זענען, ווייסן מיר, פֿון 1919 ביז 1939 געווען ראַטמענער פֿון וואַרשעווער שטאָט־ראַט — און נאָר פּוילישע בירגער האָבן אַזאַ אַמט געקענט פֿאַרנעמען.
ג) זיי האָבן קיינמאָל די סאָוויעטישע בירגערשאַפֿט נישט אָנגענומען.
ד) לויט די אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן טאָר מען נישט בעת די מלחמה איז נאָך אין גאַנג ענדערן די בירגערשאַפֿט פֿון די איינוווינער פֿון לאַנד, וואָס איז געוואָרן אָקופּירט.

און איצט די באַשולדיקונגען: די ערשטע באַשולדיקונג זאָגט (אין צווייטן פּאַראַגראַף):

ערליך און אַלטער זענען פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט אין אויגוסט 1941 פֿאַר אַקטיווער פֿיינדלעכער אַרבעט קעגן סאָוויעט־פֿאַרבאַנד און מיטאַרבעט אין דער באַוואָפֿנטער טעטיקייט פֿון די אָרגאַנען פֿון דער פּוילישער דעפֿענסיווע (געהיים־פּאָליציי).

זענען פֿאַראַן צענטליקער עדות, וועלכע זענען אין דער קורצער צייט צווישן אַריינמאַרש פֿון סאָוויעטישן מיליטער קיין פּוילן און דעם ערשטן אַרעסט, געווען טאָג און נאַכט צוזאַמען מיט ערליכן און אַלטערן און קענען אונטער אַ שבועה באַשטעטיקן, אַז זיי האָבן נישט געפֿירט קיין שום פֿיינדלעכע טעטיקייט קעגן סאָוויעט־פֿאַרבאַנד און נישט געהאַט די מינדסטע מגע ומשא מיט אַ „באַוואָפֿנטער טעטיקייט פֿון די אָרגאַנען פֿון דער פּוילישער דעפֿענסיווע".

אָבער צו וואָס דאַרף מען דאָ האָבן די עדות? האָט דאָך די סאָוויעטישע רעגירונג אַליין דערקלערט, נאָך ערליכס און אַלטערס באַפֿרייונג אין סעפּטעמבער 1941, אַז ס'איז געשען אַ פֿאַטאַלער טעות, און מ'האָט זיי אָפֿיציעל איבערגעבעטן. האָט דאָך די סאָוויעטישע רעגירונג אַליין, דורך איר העכסטן אָרדענונג־היטער, דעם שעף פֿון דער ג. פּ. או., בעריא, אין הערבסט 1941 אָנגעבאָטן ערליכן און אַלטערן איבערצונעמען די אָנפֿירונג פֿון יידישן אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט. מען קען זיך משער זיין, אַז צו „מיטאַרבעטער פֿון דער פּוילישער דעפֿענסיווע" קומט מען נישט מיט אַזעלכע פֿאָרשלאָגן.

דער דריטער פּאַראַגראַף זאָגט: אויפֿן פֿאַרלאַנג פֿון דער פּוילישער רעגירונג זענען ערליך און אַלטער באַפֿרייט געוואָרן אין סעפּטעמבער 1941.

געוויס האָט די פּוילישע רעגירונג פֿאַרלאַנגט, אַז מען זאָל זיי באַפֿרייען, פּונקט ווי דאָס האָבן פֿאַרלאַנגט אַ סך אַנדערע. מיר האָבן

שוין פֿריער געזען, אַז די פֿאַרלאַנגען האָבן גאָרנישט געהאָלפֿן. באַ־פֿרייט האָט מען זיי, פּונקט ווי צענדליקער טויזנטער אַנדערע יידן און נישט־יידן פּוילישע בירגער, פֿון די סאָוויעטישע תּפֿיסות און קאָנ־צענטראַציע־לאַגערן אויפֿן סמך פֿון דער אַלגעמיינער אַמנעסטיע, וואָס סאָוויעט־רוסלאַנד האָט זיך פֿאַרפֿליכטעט צו געבן לויט אַ געשלאָ־סענעם אָפּמאַך מיט דער פּוילישער רעגירונג. אַגב, מאַלאַטאָוו גע־דענקט נישט, וואָס ער האָט געזאָגט סך־הכּל מיט אַ פּאָר שורות פֿריער, — אַז די אַרעסטירטע זענען געווען סאָוויעטישע בירגער. וואָלטן זיי ווירקלעך געווען סאָוויעטישע בירגער, טאָ פֿאַרוואָס קומט סאָוויעטישע בירגער צו באַפֿרייען „אויפֿן פֿאַרלאַנג פֿון דער פּוילישער רעגירונג״? און אויב מען האָט זיי דעם ערשטן טויט־אורטייל געגעבן אַלס פּוילישע בירגער (אַזוי איז עס ווירקלעך געווען), טאָ ווי אַזוי האָט מען זיי דעם צווייטן מאָל געקענט פֿאַרמשפּטן און אומברענגען אַלס סאָוויעטישע בירגער?

לסוף דער פֿערטער פּאַראַגראַף:

די פֿירער פֿון „בונד״ האָבן כּלומרשט נאָך זייער באַפֿרייונג אָפּגע־לירט „צו די סאָוויעטישע זעלנער אָפּצושטעלן די בלוט־פֿאַרגיסונג און תּיכּף שליסן אַ שלום מיט דייטשלאַנד״. צוליב דעם האָט מען זיי נאָך אַמאָל אַרעסטירט און צום צווייטן מאָל פֿאַראורטיילט צום טויט.

ס׳איז ממש צום שטוינען, ווי אַזוי האָבן ערליך און אַלטער אַגיטירט פֿאַר אַ שלום מיט היטלער־דייטשלאַנד? האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט אין די גאַסן פֿון דער סאָוויעטישער הויפּטשטאָט, אָדער — ווער ווייס — אפֿשר גאָר אין די קאַזאַרמעס, און אָפּגעשטעלט די רויטע אַרמייער, געהייסן זיי אַוועקלייגן דאָס געווער און זיך נישט שלאָגן מיט היטלערס באַנדעס? נו, איז וואָס־זשע האָבן געטון די רויטע אַרמייער? וואָס האָבן געטון די פֿאַרבייגייענדיקע פּאַטריאָטישע סאָוויעטישע בירגער, וועלכע האָבן געהערט אַזאַ אַגיטאַציע? אויב זיי האָבן זיי נישט מקיים פּסק געווען גלייך אויפֿן אָרט, וואָלטן זיי דאָך די 2 פֿאַרבאַקענע יידישע היטלעריסטן כאַטש געדאַרפֿט אָננעמען פֿאַרן קאַרק און איבערגעבן זיי אין די זיכערע הענט פֿון דער ג. פּ. או. און דאָ — גאָרנישט! מסתּמא דורך אַ רוח הקודש האָט די ג. פּ. או. זיך דערוווּסט וועגן דעם, און האָט דורכן טעלעפֿאָן אַרויסגערופֿן צו זיך די צוויי געפֿערלעכע היטלער־דיווערסאַנטן.

און נאָך אַ זאַך איז קשה: דעם ערשטן טויט־אורטייל האָבן ערליך און אַלטער באַקומען פֿאַר „מיטאַרבעט אין דער באַוואָפֿנטער טעטיקייט פֿון די אָרגאַנען פֿון דער פּוילישער דעפֿענסיווע״. דאָס האָט געדאַרפֿט זיין אין סעפּטעמבער 1939. דערפֿון איז צו דרינגען, אַז די בונדישע

פֿירער זענען דאַן געווען היטלער־שונאים. ווי אַזוי זשע האָבן די זעלבע צוויי מענטשן, שוין נאָכדעם ווי די נאַציס האָבן אויסגעשאָכטן הונדער־טער טויזנטער יידן, צווישן זיי הונדערטער אייגענע פֿריינט און קרובים (אויך אַלטערס אַלטע מוטער), דערהרגעט צענדליקער טויזנטער פּאָ־ליאַקן, באַרויבט זייער האָב און גוטס און חרוב געמאַכט זייער לאַנד — ווי אַזוי האָבן זיי מיטאַמאָל זיך פֿאַרוואַנדלט אין היטלער־פֿריינד?

און נאָך אַ רעטעניש: ערליך און אַלטער האָבן פֿאַרן צווייטן אַרעסט אין סאָוועט־רוסלאַנד, מיטן וויסן פֿון דער סאָוועטישער מאַכט, אַרויס־געגעבן עפֿנטלעך אַן אויפֿרוף צו די יידישע פּליטים, פּוילישע בירגער, אַז זיי זאָלן אַריינטרעטן אין דער פּוילישער אַרמיי צו קעמפֿן קעגן שונא פֿון יידישן פֿאָלק, קעגן שונא פֿון סאָוועטישן פֿאָלק, קעגן שונא פֿון דער מענטשהייט — קעגן היטלערן. טאָ ווי קומט עס, וואָס פֿון איין זייט האָבן זיי זיך באַמיט צו שטאַרקן די קאַמף־אַרמייען קעגן היטלערן, און פֿון דער צווייטער זייט זאָלן זיי כלומרשט האָבן גערופֿן זיך נישט צו שלאָגן מיט אים?

ווי מיר זעען, איז יעדער איינציקער פֿון די 4 פּאַראַגראַפֿן פֿון ליט־ווינאָווס בריוו געבויט אויף אַ שקר, אויף אַ בלבול. יאָ, ס'איז נאָך פֿאַראַן אַ פֿינפֿטער פּאַראַגראַף, דער לעצטער, וואָס איז, ליידער, אמת — דער איינציקער אמת אין גאַנצן דאָקומענט:

„דער אורטייל איז אויסגעפֿירט געוואָרן".

יאָ, דאָס איז דער איינציקער אמת. טויט, מאָרד — אויף אַ טורעם פֿון שקר.

אַ טעות אין דער דאַטע

סוף אַפּריל 1943, בערך צוויי חדשים נאָכן ערשטן בריוו, האָט ליט־ווינאָוו צוגעשיקט צו וויליאַם גרין אַ צווייטן בריוו. ער שרייבט אים, אַז ס'איז געווען אַ טעות אין דער דאַטע — די הינריכטונג איז פֿאָר־געקומען נישט אין דעצעמבער 1942, נאָר דעצעמבער 1941.

באַלד אין אָנהויב, ווען ס'איז געמאָלדן געוואָרן וועגן דער הינ־ריכטונג, זענען געווען צוויי ווערסיעס: ליטווינאָווס — 1942, און אַ צווייטע — פֿון ניו־יאָרקער סאָוועטישן קאָנסול — 1941. מען האָט אָבער אָנגענומען ליטווינאָווס ווערסיע פֿון 1942, ווייל די קאָמוניס־טישע פּרעסע איז אַרויס מיט אַ געוואַלט, אַז די דאַטע פֿון ניו־יאָרקער סאָוועטישן קאָנסול איז נישט קיין ריכטיקע. זי האָט געשריבן, אַז שולדיק איז דער בחור־הזעצער און ווער עס באַנוצט זיך מיט דעם גרייז איז אַ „שונא פֿון סאָוועט־רוסלאַנד", אַ „סאַבאָטאַזשניק" אאַז"וו.

מיט צוויי חדשים שפּעטער האָט ליטווינאָוו אַליין געמאָלדן, אַז די עקזעקוציע איז אויסגעפֿירט געוואָרן אין 1941.

אין דער צייטשריפֿט „דהי ניו־רעפּובליק" פֿון 15טן מערץ איז געווען אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל, אין וועלכן עס האָבן זיך אויך געפֿונען פֿאָל־גענדע ווערטער:

„איצט איז געמאָלדן געוואָרן, אַז בעת עס זענען געשיקט געוואָרן די פּראָטעסטן, זענען די מענטשן שוין געווען טויט. לויט אַ בריוו וואָס דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן מאַקסים ליט־ווינאָוו האָט געשריבן צום פּרעזידענט פֿון דער אַמעריקען פֿעדע־ריישאָן אָוו לייבאָר וויליאַם גרין, זענען זיי הינגעריכטעט געוואָרן אין דעצעמבער 1941 פֿאַר „פֿאַרשווערערישער טעטיקייט און שפּיאָנאַזש". במשך פֿון 15 חדשים האָט פֿון די פֿאַרשלאָסענע ליפּן פֿון זייערע עקזעקוציע־אויספֿירער זיך נישט אַראָפּגעגליטשט קיין וואָרט וועגן זייער גורל".

די סאָוויעטישע אַמבאַסאַדע איז נישט געבליבן גלייכגילטיק צום פֿאָרוווּרף, אַז מען האָט 15 חדשים צייט געהאַלטן בסוד די הינריכטונג און גענאַרט די וועלט. אין „דהי ניו־רעפּובליק" פֿון 29 מערץ איז געווען אָפּגעדרוקט אַזאַ בריוו אין רעדאַקציע:

„אין נומער פֿון 15 מערץ פֿון „דהי ניו־רעפּובליק", אין לייט־אַרטיקל וועגן ערליכן און אַלטערן, איז נישט ריכטיק ציטירט געוואָרן אַ בריוו פֿון אַמבאַסאַדאָר ליטווינאָוו צו מר. וויליאַם גרין. די דאַטע פֿון דער עקזעקוציע ווערט אין לייט־אַרטיקל אָנגעגעבן דעצעמבער 1941, בעת אין דער אמתן איז די דאַטע, לויט דער אינפֿאָרמאַציע, וואָס איז דערהאַלטן געוואָרן פֿון מאָסקווע און איז דורכן אַמבאַסאַדאָר איבערגעשיקט געוואָרן צו מר. גרין, אָנגעגעבן דעצעמבער 1942".

דער בריוו אין רעדאַקציע טראָגט די אונטערשריפֿט: פֿיעדאָר אָרעקאָוו, ערשטער סעקרעטאַר, פּרעסע אָפּטיילונג, אַמבאַסאַדע פֿון סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד.

די געענדערטע דאַטע דעמאַסקירט ווידער אַמאָל די פֿאַראַנטוואָרט־לעכע פֿאַרן מאָרד און שטעלט זיי אַרויס פֿאַר פֿעלשער און ליגנער:

אויב די הינריכטונג איז פֿאָרגעקומען אין דעצעמבער 1941, ווי עס שרייבט ליטווינאָוו אין זיין צווייטן בריוו, הייסט עס, אַז מען האָט די פֿירער פֿון „בונד" אומגעברענגט גלייך נאָכן צווייטן אַרעסט. (לויט אַ פּריוואַטער ידיעה, זאָל מען זיי האָבן דערמאָרדעט אין דער זעלבער נאַכט, ווען מען האָט זיי צום צווייטן מאָל אַרעסטירט). בעתן דאַזיקן

אַרעסט זענען ביידע געווען פּױלישע בירגער. דאָס באַטייט, אַז די ג. פּ. או. האָט געטױשט זייער בירגערשאַפֿט נאָכן טױט.

נאָכן צווייטן אַרעסט, במשך פֿון אַ יאָר צייט, האָבן ווידעראַמאָל צענטליקער אָנגעזעענסטע אַרבעטער־פֿירער, שרייבער, וויסנשאַפֿטס־מענער און געזעלשאַפֿטלעכע טוער אינטערוועניִרט פֿאַר דער באַ־פֿרייאונג פֿון ערליכן און אַלטערן. אָנשטאָט צו ענטפֿערן, אַז ביידע זענען שוין לאַנג טויט, האָט די סאָוויעטישע רעגירונג געשוויגן און דערמיט געגנאַרט די עפֿנטלעכע מיינונג פֿון דער וועלט. נאָכמער: דער פּוילישער אַמבאַסאַדאָר פּראָפֿעסאָר קאָט האָט אַ פּאָר מאָל פּער־זענלעך אינטערוועניִרט לטובת די אַרעסטירטע און בעת די געשפּרעכן מיט די אָנגעזעענסטע סאָוויעטישע מלוכה־מענער האָבן זיי אים נישט געזאָגט, אַז די אַרעסטירטע זענען שוין טויט. פֿאַרקערט — פֿון די געשפּרעכן איז געווען קלאָר, אַז ביידע לעבן. דאָס איז געווען אין יאָר 1942, שוין נאָך דער הריגה. דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעחזרט אין הערבסט 1942, ווען מ׳האָט ווילקין פֿאַרזיכערט, בעת זיין באַזוך אין מאָסקווע, אַז מען וועט דעם ענין פֿון ערליכן און אַלטערן דערליי־דיקן אויף אַ צופֿרידנשטעלנדן אופֿן.

אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט פֿירט זיך, אַז ווען אַ געריכט פֿאַרמשפּט עמעצן צום טויט, מעלדעט מען וועגן דעם דער עפֿנטלעכקייט. מעג אַפֿילו דער פּראָצעס פֿאַרקומען אין געהיים, ביי געשלאָסענע טירן, אָבער דעם אורטייל און די עקזעקוציע באַהאַלט מען נישט. קיין שום געריכט, וואָס פֿאַרדינט דעם דאָזיקן נאָמען, האָט נישט קיין מורא צו פֿאַרעפֿנטלעכן זיינע אורטיילן, ווייל די ריכטער זענען איבערצייגט אין זייער גערעכטיקייט. דאָס כּלומרשטע סאָוויעטישע געריכט און די סאָוויעטישע רעגירונג האָבן באַהאַלטן דעם פֿאַקט פֿון טויט־אורטייל און פֿון דער הינריכטונג בערך 15 חדשים צייט. זיי האָבן וועגן דעם נישט דערציילט נישט דעם אייגענעם פֿאָלק און נישט דער עפֿנטלעכער מיי־נונג פֿון דער וועלט, וואָס האָט מיט דעם ענין זיך שטאַרק אינטערעסירט. דאַקעגן האָבן זיי במשך פֿון 15 חדשים געשאַפֿן דעם איינדרוק, אַז ערליך און אַלטער לעבן נאָך. דערמיט האָבן זיי נישט בלויז זיך אַרויס־געשטעלט אַלס ליגנער, נאָר אויך באַוויזן זייער מורא צו דערציילן וועגן דער שרעקלעכער רציחה, וואָס זיי האָבן אָפּגעטון.

טרויער און פּראָטעסט

די ידיעה וועגן דער היגריכטונג האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם. זי האָט אַרויסגערופֿן טיפֿן טרויער און פֿלאַמיקן פּראָטעסט ביי מיליאָנען אַרבעטער און סתּם ערלעכע מענטשן, צו וועמען די ביטערע בשורה איז נאָר דערגאַנגען.

בעת די טרויעריק באַרימטע „מאָסקווער פּראָצעסן" זאָל סטאַלין זיך האָבן אויסגעדריקט: „נישקשה, די וועלט וועט עס אַראָפּשלינגען". ניין, די וועלט וועט דעם מאָרד איבער ערליכן און אַלטערן נישט אַראָפּשלינגען, זי קען אים נישט אַראָפּשלינגען.

די גאַנצע פּרעסע פֿון אַמעריקע, ווי פֿון אַ ריי אַנדערע אַליאירטע לענדער (אַחוץ ראַטן־רוסלאַנד), ווי אויך פֿון די פּאָר פֿאַרבליבענע נייטראַלע מלוכות, האָט וועגן דעם געשריבן. דערמיט אַליין איז שוין איבערגעשטראָכן געוואָרן סטאַלינס חשבון, אַז מען וועט צוליב דער מלחמה דעם אומגעהויערן פֿאַרברעך פֿאַרשווייגן.

מיטן אויסנאָם פֿון דער קאָמוניסטישער פּרעסע, וואָס דעקט, נאַטירלעך, פֿון פֿאַרויס אַלץ, וואָס קומט פֿון מאָסקווער קרעמל, האָט די גאַנצע אַרבעטער־פּרעסע, ווי אויך אַ ריי ראַדיקאַלע און בירגערלעך־דעמאָקראַטישע צייטונגען און זשורנאַלן, שאַרף פֿאַראורטיילט סיי דעם באַגאַנגענעם פֿיזישן מאָרד, סיי דעם געפּלאַנטן מאָראַלישן מאָרד איבער די צוויי לויטערע אַנטי־פֿאַשיסטישע קעמפּער.

מיר זענען נישט אימשטאַנד דאָ אַפֿילו צו פֿאַרנאָטירן אַלע שטימען — פֿון צייטונגען, פֿון אָרגאַניזאַציעס, פֿון פֿאַרזאַמלונגען — שטימען פֿון ווייטאָג און טרויער, צאָרן און פּראָטעסט. בלויז אייניקע מוסטערן וועלן מיר ברענגען.

אין נאָמען פֿון דער יידישער אונטערערדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן

„אין אַ מאָמענט, ווען די פֿאַרפּייניקטע יידישע באַפֿעלקערונג אין נאַצי־אייראָפּע גייט אָפּ אין בלוט, ווען טויזנטער אונזערע ברידער און שוועסטער און צווישן זיי די בעסטע און מוטיקסטע זין פֿון אונזער

פֿאָלק, ווערן טאָג־טעגלעך אויסגעקוילעט — אין אָט דעם מאָמענט פֿון שוידערלעכסטער אַנטי־יידישער היטלער־באַרבאַריי, האָבן אָפֿי־ציעלע סאָוויעטישע פֿאַקטאָרן אין אַמעריקע פֿאַרעפֿנטלעכט די ידיעה, אַז די צוויי הויפּט־פֿירער פֿון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־„בונד" אין פּוילן און די גייסטיקע אינספּיראַטאָרן פֿון יידישן אונטערערדישן אַנטי־נאַצי־קאַמף, העגריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, זענען אומגע־בראַכט געוואָרן אין אַ סאָוויעטישער טורמע.

די ראָל, וואָס די צוויי פּערזאָנען האָבן געשפּילט אין דער יידישער, אין דער פּוילישער און אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועג־גונג; די שוידערלעכע טאַט, וואָס איז לגבי זיי באַגאַנגען געוואָרן; דער שענדלעכער בלוט־בלבול, וואָס מען האָט אויף זיי אויסגעטראַכט; זייער ערע און די ערע פֿון די ברייטע יידישע מאַסן, פֿאַר וועלכע ערליך און אַלטער זענען געווען און וועלן בלייבן אַ פֿאָן — דאָס אַלץ באַוועגט אונז, די נאָענטסטע פֿריינד און מיטקעמפֿער פֿון די דערמאָרדעטע, אָפּצוגעבן די פֿאָלגנדע דערקלערונג פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט:

הענריק ערליך איז אומגעבראַכט געוואָרן אין זיין 61טן לעבנסיאָר, וויקטאָר אַלטער אין 52טן. ביידע זענען פֿון פֿריסטער יוגנט געשטאַנען אין די פֿאָדערשטע רייען פֿון דער יידישער און אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, צוערשט אין דער צאַרישער צייט און דאַן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין אומאָפּהענגיקן פּוילן.

זינט 1919 זענען זיי געווען די אָנערקענטע פּאָליטישע און גייסטיקע פֿירער פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און דורך איר אויך פֿון די ברייטסטע יידישע מאַסן אין פּוילן. אין וואָרט און שריפֿט; אין טויזנטער אַרטיקלען פֿון דער טעגלעכער און פּעריאָדישער אַרבעטער־פּרעסע; אין ביכער און בראָשורן אין דער יידישער, פּוילישער, פֿראַנ־צויזישער און ענגלישער שפּראַך; אויף אומצאָליקע יידישע און פּוילישע פֿאַרזאַמלונגען, קאָנפֿערענצן, קאָנגרעסן; פֿון די טריבונעס פֿון וואַר־שעווער שטאָט־ראַט; אויף אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע און אַר־בעטער־קאָנגרעסן, קאָנפֿערענצן און עקזעקוטיוו־זיצונגען — אומדער־מידלעך און אומבויגזאַם האָבן זיי געוועקט און געשטאַרקט דעם גלויבן אין אַ נייער וועלט, אַ וועלט פֿון פֿרייהייט, דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם.

אומשטערבלעך איז זייער ראָל אין דעם קאַמף, וואָס האָט זיך גע־פֿירט אין פּוילן קעגן פֿאַשיזם, נאַציזם, אַנטיסעמיטיזם. אומבאַשרייבלעך איז די ליבע און אַכטונג. דער דרך־ארץ און צוטרוי, וואָס האָבן זיך געצויגן צו זיי מצד דער יידישער פֿאָלקס־מאַסע און אינטעליגענץ נישט בלויז פֿון פּוילן, נאָר אויך ווייט איבער די גרענעצן פֿון דאָזיקן לאַנד, אויך דאָ, אין אַמעריקע.

זיי זענען די גאַנצע צייט געשטאַנען אין סאַמע מיטלפּונקט פֿון קאַמף קעגן דער פּוילישער רעאַקציע און געווען ענג פֿאַרבונדן מיט אַלץ, וואָס האָט אין דעם לעבן פֿון פּוילן און אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן לעבן געאָטעמט מיט קאַמף פֿאַר פֿרייהייט, מיט קאַמף קעגן יעז'ן מין געוואַלט, גזלה און אונטערדריקונג.

פֿון ז י י ע ר פֿעדער איז אַרויס, ביים אויסברוך פֿון דער איצ־טיקער מלחמה, דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, דער פֿלאַמיקער רוף פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון „בונד" אין פּוילן צו די יידישע מאַסן נישט צו זשאַלעווען קיין כּוחות און קרבנות און אַריינוואַרפֿן זיך מיט לייב און לעבן אין הייליקן קריג פֿאַר דער צעשמעטערונג און פֿאַרניכטונג פֿון היטלעריזם און פֿאַשיזם. דער באַדייטנדיקער אָנטייל פֿון די יידישע אַרבעטער־מאַסן פֿון וואַרשע אין דער רומפֿולער פֿאַרטיידיקונג פֿון דער באַלאַגערטער שטאָט — דאָס איז געווען אין אַ גרויסער מאָס די פֿרוכט פֿון ז י י ע ר קאַמף־גייסט, די זריעה, וועלכע ז י י האָבן פֿאַרזייט אין די הערצער פֿון די יידישע מאַסן.

סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1939 זענען זיי אַרעסטירט געוואָרן אין מזרחדיקן טייל פֿון פּוילן, באַלד נאָך דעם, ווי די סאָוויעטן האָבן יענע געביטן פֿאַרנומען. צוויי יאָר האָט די סאָוויעטן־רעגירונג געהאַלטן זיי אין תּפֿיסה. און אָן דעם מינדסטן עפֿנטלעכן קאָנטראָל, אַפֿילו אָן יעטוועדער פֿיקציע פֿון קאָנטראָל, זענען זיי ביידע פֿאַרמשפּט געוואָרן צוערשט צום טויט און דאַן (ס'איז שוין געווען קריג צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד) האָט מען זיי „באַגנעדיקט" צו 10 יאָר תּפֿיסה, אונטער דער ווילדער אומזיניקער באַשולדיקונג, אַז זיי האָבן כּלומרשט „מיטגעאַרבעט מיט דער פּוילישער דעפֿענסיווע" (געהיים פּאָליציי). ערשט אַ דאַנק דעם פּויליש־רוסישן אָפּמאַך זענען זיי — אין סעפּטעמבער 1941 — אַרויס־געלאָזט געוואָרן פֿון דער סאָוויעטישער טורמע.

אַרויסגעלאָזט, אָבער ניט ווירקלעך באַפֿרייט!

די גרויסע מאַסע פּליטים, פּוילישע בירגער, וואָס זענען צו יענער צייט, אויפֿן גרונד פֿון דעם פּויליש־רוסישן אָפּמאַך, באַפֿרייט געוואָרן פֿון די סאָוויעטישע טורמעס און לאַגערן, פֿלעגן באַקומען ספּעציעלע דאָקומענטן וועגן זייער באַפֿרייונג — ערליך און אַלטער האָבן אַזעלכע דאָקומענטן נישט באַקומען! די סאָוויעטישע מאַכט, וואָס האָט זיי אין סעפּטעמבער 1941 אַרויסגעלאָזט פֿון תּפֿיסה, איז, ווייזט אויס, שוין דעמאָלט געווען דעצידירט, אַז זי לאָזט אַרויס ערליכן און אַלטערן בלויז צייטווייליק, בלויז אויף אַ פּויזע ביז צום נאָענטסטן אַרעסט!

באַלד נאָך זייער אַרויסגיין פֿון דער סאָוויעטישער טורמע האָבן ה. ערליך און וו. אַלטער אַרויסגעשיקט פֿון מאָסקווע קיין ניו־יאָרק אַ קייבל, אין וועלכן זיי האָבן דערקלערט: „מיר זעצן פֿאָר דעם געמיינ־שאַפֿטלעכן קאַמף קעגן פֿאַשיזם און פֿאַר סאָציאַליזם".

אין הסכּם דערמיט האָבן זיי — ווי פּוילישע בירגער, דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע — אַרויסגע־לאָזט אַ רוף צו די יידישע פּליטים, פּוילישע בירגער, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין סאָוויעט־רוסלאַנד, אַנצושליסן זיך אָן דער פּוילישער אַרמיי, וואָס האָט זיך דאָן געגרינדעט אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע מיטן הסכּם פֿון דער סאָוויעטן־רעגירונג. זיי האָבן גערופֿן: „צום וואָפֿן"! — צו באַטייליקן זיך מיט געווער אין האַנט אין דעם קאַמף פֿון די פֿאַראיי־ניקטע פֿעלקער פֿאַר פֿרייהייט — פֿאַר „באַפֿרייען פּוילן און באַפֿרייען די גאַנצע וועלט פֿון דעם געשפּענסט פֿון ברוינער קנעכטשאַפֿט".

נאָך געציילטע וואָכן זענען זיי געווען אויף דער פֿריי. אַרום 12 אַ זייגער אין דער נאַכט פֿון 3טן אויפֿן 4טן דעצעמבער 1941 זענען זיי אַרויסגערופֿן געוואָרן אויף „נישט לאַנג" אין אַ סאָוויעטישן אַמט און זענען שוין מער נישט צוריקגעקומען.

איצט דערוויסן מיר זיך פֿון אָפֿיציעלע סאָוויעטישע קוועלן אין אַמעריקע, אַז אין דעצעמבער 1942 זענען זיי ביידע פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און דער אורטייל איז געוואָרן אויסגעפֿירט. אויף אַ געהיימען אופֿן, ביי געהיימע אומשטענדן, אָן דעם מינדסטן עפֿנטלעכן קאָנטראָל, אַפֿילו אָן אַ שיין פֿון אַזאַ קאָנטראָל, און אונטער דער ווילדער און שענד־לעכער באַשולדיקונג, אַז זיי האָבן כּלומרשט „גערופֿן די סאָוויעטישע סאָלדאַטן, אַז זיי זאָלן אויפֿהערן בלוט־פֿאַרגיסונגען און באַלד שליסן אַ שלום מיט דייטשלאַנד".

מיר דערמאָנען:

די וויכטיקסטע אַרבעטער־פֿירער פֿון אַמעריקע און ענגלאַנד, מענטשן, וואָס רעפּרעזענטירן מיליאָנען אָרגאַניזירטע אַרבעטער, האָבן כּסדר געפֿאָדערט די באַפֿרייונג פֿון ה. ערליך און וו. אַלטער. פֿאַרשטייער פֿון אונטערערדישן אייראָפּע, ווי אויך באַרימטע אינטעלעקטועלע און באַקאַנטע פּאָליטישע פֿירער, צו וועלכע עס הערן זיך צו מיליאָנען, האָבן זיך באַטייליקט אין די דאָזיקע פֿאָדערונגען. די פּוילישע רעגירונג האָט כּסדר אינטערווענירט. אויך אַנדערע אָפֿיציעלע פֿאַקטאָרן אין דעם לאַגער פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער האָבן זיך באַמיט פֿאַר דער באַ־פֿרייונג פֿון ה. ערליך און וו. אַלטער. אַלע, ניט אויסשליסנדיק אַפֿילו אַ סך געשוואָרענע פֿאַרטיידיקער פֿון אַלץ, וואָס סאָוויעט־רוסלאַנד טוט,

(די לעצטע ביי זיך אין הארצן), האבן געוווּסט און ווייסן גאנץ גוט ער־ליכס און אלטערס באציִונג צום קאמף קעגן נאציזם, פאשיזם און דעם גאנצן לאגער פון די „אקס"־מלוכות. דער פארברעכן, וואס איז באגאנגען געווארן אלס ענטפער אויף אלע פאדערונגען און פארלאנגען וועגן ערליכס און אלטערס באפרייונג, איז אן ארויספאדערונג צו דער עפנט־לעכער מיינונג פון דער דעמאקראטישער וועלט.

מיר דערקלערן:

דער פרווו פארצושטעלן ה. ערליכן און וו. אלטערן אלס נאצי־אגענטן איז א שענדלעכער און נידערטרעכטיקער בלוט־בלבול. די וואס האבן אים אויסגעטראכט, זענען נישט אימשטאנד צו ווארפן א פלעק אויף דעם קרישטאל־ריינעם כאראקטער פון הענריק ערליך און וויקטאר אלטער, אויף זייער אבסאלוטע טרייקייט צו די אידעאלן פון פרייהייט, פראגרעס און מענטשלעכקייט, אויף זייער ליכטיקן און הייליקן אנדענק. נישט אויף די קדושים נאר אויף די, וואס האבן זיי דערמארדעט, וועט אייביק בלייבן דער שאנדפלעק פון דעם באגאנגענעם פארברעכן.

לויט דער סאוויעטישער מיטטיילונג, זענען ה. ערליך און וו. אלטער געמשפט און הינגעריכטעט געווארן אלס „סאוויעטישע בירגער". דערקלערן מיר און האבן דערויף גאנץ אומבאשטרייטבארע באווייזן:

די כלומרשט „סאוויעטישע בירגערשאפט" פון ה. ערליך און וו. אלטער שטייט ניט בלויז אין שרייענדיקער סתירה מיטן פאקט, וואס ביידע זענען געבוירן אויף יענע פוילישע געביטן, וואס האבן קיינ־מאל נישט געהערט צו די סאוויעטן. דאס באטראכטן ה. ערליך און וו. אלטער פאר „סאוויעטישע בירגער" איז גרונדלאז אפילו אין ליכט פון געוויסע פאקטן און דאקומענטן פון דער סאוויעטישער פראקטיק גופא. אזוי, צ"ב, האט די סאוויעטן־רעגירונג בפירוש אנערקענט די פוילישע בירגערשאפט פון ה. ערליך און וו. אלטער, ווען זי האט זיי ארויסגעלאזט פון טורמע אין סעפטעמבער 1941. און אויך א געוויסע צייט נאך זייער צווייטן ארעסט האט זי לגבי דער פוילישער רעגירונג נישט קוועסטיאנירט זייער פוילישע בירגערשאפט. אויף די מינדלעכע און שריפטלעכע אינטערווענצן פון דער פוילישער רעגירונג האט די סאוו־יעטישע רעגירונג אין אנהויב געענטפערט מיט פארשידענע תירוצים, אבער נישט מיטן אויסרייד, אז זיי זענען כלומרשט — „סאוויעטישע בירגער". דער דאזיקער ארגומענט האט זיך באוויזן ערשט שפעטער — נאך קנאפע צוויי חדשים פון זייער ארעסט, הגם זינט סעפטעמבער 1941 (ווען די סאוויעטן־רעגירונג האט אנערקענט ערליכס און אלטערס

פוילישע בירגערשאַפט) איז נישט פאַרגעקומען קיין שום נייער אומ־
שטאַנד, וואָס זאָל באַגרינדן דאָס פלוצלונגדיקע דערקלערן ערליכן
און אַלטערן פאַר „סאָוויעטישע בירגער". פאַראַן נאָר איין איינציקע
ווירקלעכע סיבה דערפון: דער ווילן פטור צו ווערן פון פאַרענטפערן,
לגבי דער אויסערלעכער וועלט, דעם ווילקירלעכן אַרעסט פון דעצעמ־
בער 1941, דער ווילן צו קאָנען „פריי" פאַרמשפטן און באַשמוצן
די אַרעסטירטע.

די סאָוויעטישע מאַכט האָט הינגעריכטעט ה. ערליכן און וו.
אַלטערן אין דער צייט פון די גרויסע זיגן פון דער רוסישער אַרמיי,
רעכענענדיק, ווייזט אויס, דערויף, אַז די סאָוויעטישע זיגן אויף
די שלאַכט־פעלדער פון סטאַלינגראַד, קאַווקאַז, אוקראַינע, און די
פריידיקע געפילן, וואָס זיי רופן אַרויס ביי אונז אַלעמען, וועלן דער־
שטיקן די פּראָטעסטן קעגן דעם באַגאַנגענעם פאַרברעכן. אָבער ווי
גרויס עס זאָל נישט זיין דער העראָיזם פון דער רויטער אַרמיי, טאָר
ער ניט מיסברויכט ווערן אויף צו באַרעכטיקן אָדער צו פאַרדעקן
פאַרברעכנס. דאָס בלוט פון די רויט־אַרמייער, וואָס ווערט פאַר־
גאָסן אין קאַמף קעגן פאַשיזם, וואַשט נישט אָפּ דעם שאַנד־פלעק
פון דער בלוט־טאַט, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן דורך אַ יוסטיץ־מאָרד
איבער ה. ערליך און וו. אַלטער צום שאָדן פון קאַמף קעגן נאַציזם.

מיר שטעלן פעסט:

הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער זענען נישט געווען קיין קאָמו־
ניסטן. זיי האָבן געקעמפט פאַר דער אָרדענונג, וואָס וועט צונויפפאָרן
סאָציאַליזם מיט פרייהייט, מיט דעמאָקראַטיע, מיט פולן רעספּעקט פאַרן
מענטשלעכן יחיד. ניט פאַרמאַכנדיק די אויגן אויף די נעגאַטיווע זייטן
פון דער רוסישער ווירקלעכקייט, האָבן זיי אָבער אָנערקענט אויך די פּאָ־
זיטיווע עלעמענטן אין דער סאָוויעטישער אויפבוי־אַרבעט, און האָבן
זיך אָריענטירט אויף דער צוזאַמענאַרבעט פון דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד
מיט די וועלט־כוחות פון דעמאָקראַטיע, פּראָגרעס און סאָציאַ־
ליזם. דערמיט האָבן זיי אין זייער באַציונג צום סאָוויעטן־פאַרבאַנד
פאַרנומען אַ שטעלונג, וואָס דעקט זיך מיט די בליקן פון צענטליקער
מיליאָנען מענטשן — דעמאָקראַטן, ליבעראַלן, סאָציאַליסטן — אין
אַמעריקע און אין ענגלאַנד; אַ שטעלונג, וואָס האָט אויך דעם פולן
הסכם פון די אונטערערדישע אַרבעטער־קעמפער אין פוילן און אין
דער גאַנצער נאַצי־אָקופּירטער אייראָפּע.

ה. ערליך און וו. אַלטער, ביידע מיטגלידער פון עקזעקוטיוו פון
סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל, זענען די ערשטע ניט־

רוסישע און ניט־קאָמוניסטישע אַרבעטער־פירער, וועלכע די סאָוויעטן־רעגירונג האָט זיך דערלויבט צו אַרעסטירן, צו משפּטן און צו טויטן פּאַקטיש בלויז דערפאַר, ווייל זיי זענען געווען פרייהייטלעכע סאָציאַ־ליסטן, סאָציאַליסטן מיט אַ נאָמען און איינפלוס אין דער אינטער־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. די אַלטע קאָמוניסטישע שנאה צו דער פרייער, אומאָפּהענגיקער און קודם־כל צו דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך מיט איר גאַנצער גרויזאַמקייט אויס־געגאָסן אויף זייערע קעפּ. אַלס מאַרטירער פון די הייליקע פריי־הייטלעך־סאָציאַליסטישע אידעאַלן, אין וועלכע עס גלויבן מיליאָנען און וועלכע דער סטאַליניסטישער רעזשים קאָן ניט פאַרטראָגן, זענען אומגעקומען אין אַ סאָוויעטישער טורמע הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער.

די דערמאָרדונג פון ה. ערליך און וו. אַלטער איז דער ערשטער פון אַזאַ מין פאַל זינט דעם אויסברוך פון קריג. דאָס באַווייזט אויפסניי די שוידערלעכע פאָלגן, צו וועלכע עס פירט אַ רעזשים פון טעראָר און ווילקיר, און דאָס אַנטפּלעקט באַשיינפּערלעך די גרויסע געפאַרן, וואָס לויערן פון זיין זייט פאַר דער נייער אָרדענונג, וועלכע וועט דאַרפן געבויט ווערן אויף די חורבות פון פאַשיזם און נאַציזם.

אַלס באַטייליקטע אין קאַמף פאַר אַ נייער און פרייער וועלט, אַלס קינדער פון פאָלק, וואָס ברענגט פאַר אַט דעם קאַמף די בלוטיקסטע קרבנות, און אַלס פאַרשטייער פון דער יידישער מחנה אין דער גרויסער אונטערערדישער אַרמיי אין נאַצי־פוילן און אין נאַצי־אייראָפּע, וועלן מיר גייען אין די דרכים פון אונזערע ליכטיקע פירער, און ווייטער, ווי ביז איצט, ברענגען אונזער בייטראַג צו אַ וואָס גיכערן זיג פון אַלע פאַראייניקטע פעלקער איבער די „אַקס"־מלוכות. מיר באַטראַכטן ווייטער ווי ביז איצט, אַז די הילף פאַר דער סאָוויעטישער אַרמיי, אונזער שותּף אין אַלגעמיינעם קאַמף קעגן נאַציזם און פאַשיזם, דאַרף זיין וואָס ברייטער אוןווירקזאַמער. מיר זענען פעסט איבערצייגט, אַז דער געמיינזאַמער נצחון פון די פאַראייניקטע פעלקער וועט עפענען אַ וועג פאַר אַן אָרדענונג פון אמתער פרייהייט און אמתן סאָציאַליזם אין גאַנץ אייראָפּע, אויך אין רוסלאַנד גופא.

מיר דערקלערן:

די דערמאָרדונג פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער איז אַ שענדונג פון די הויכע צילן און אידעאַלן, פאַר וועלכע עס בלוטיקן צענטליקער מיליאָנען מענטשן, — מיטגלידער פון דער פאַראייניקטער פעלקער־משפּחה.

מיר מאַכן דערפֿאַר נישט פֿאַראַנטוואָרטלעך און מיר פֿאַרדאַמען נישט דאָס סאָוויעטישע פֿאָלק, נאָר די, וואָס רעגירן היינט אין זיין נאָמען. זיי זענען שולדיק פֿאַר נאָך מער פֿאַרטיפֿן דעם טראַגישן תּהום צווישן דער וועלט פֿון סאָציאַליזם און קאָמוניזם!

מיר וועלן קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן זייער בלוט־טאַט!

דער יאָרטאָג פֿון זייער פֿאַרברעכן — וועט פֿאַרבלייבן אַ טאָג פֿון הייליקן אָנדענק נאָך הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער אַזוי לאַנג, ווי לאַנג עס וועט זיין אויף דער וועלט אַ יידישער אַרבעטער־קלאַס און אַ סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג!"

אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פֿון אַלגעמיינעם יידישן
אַרבעטער־בונד („בונד") אין פּוילן.
אויסלענדישע דעלעגאַציע פֿון יוגנט־בונד „צוקונפֿט"
אין פּוילן.

ניו־יאָרק, מערץ 1943.

אין נאָמען פֿון דער פּוילישער אונטערערדישער אַרבעטער־ באַוועגונג

די דעלעגאַציע פֿון פּ. פּ. ס. (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי), וועלכע פֿאַרטרעט די פּוילישע אונטערערדישע אַרבעטער־באַוועגונג, האָט אין לאָנדאָן אָנגענומען פֿאָלגנדע רעזאָלוציע:

„די מיטגלידער פֿון פּ. פּ. ס., וועלכע געפֿינען זיך צייטווייליק אין גלות, ערן מיט געבויגענע קעפּ דעם אָנדענק פֿון וויקטאָר אַלטער און הענריק ערליך. די ידיעה וועגן זייער הינריכטונג האָט אונז אויפֿ־געטרייסלט ביז דער טיפֿעניש פֿון דער נשמה. אונז האָט פֿאַראייניקט מיט זיי אַ סך מער ווי בלויז פּערזענלעכע פֿריינדשאַפֿט. זיי זענען געווען אונזערע חברים אין טאָג־טעגלעכן קאַמף פֿאַר פֿרייהייט, דע־מאָקראַטיע, אַרבעטער־רעכט און סאָציאַליזם אין דער פּוילישער רעפּובליק. ווי פֿירער פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן זיי באַטראַכט פֿאַר זייער ערשטע פֿליכט צו קעמפֿן פֿאַר אַ בעסערן גורל פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן אין פּוילן, אָבער אויף קיין איין מינוט האָבן זיי ניט פֿאַרגעסן וועגן דער פֿליכט פֿון עכטער און פֿולער סאָלידאַריטעט מיט די פּוילישע אַרבעטער־ און פּויערים־מאַסן און זייער באַוועגונג.

אַ דאַנק דער אַרבעט פֿון ערליכן און אַלטערן און אונטער זייער אָנפֿירערשאַפֿט איז אויסגעוואַקסן און געוואָרן אַ לעבעדיקער אָרגאַ־ניזם די סאָלידאַריטעט פֿון אַלע אונטערדריקטע בירגער אין פּוילן,

אָן אונטערשיד פֿון אָפּשטאַמונג, רעליגיע און נאַציאָנאַליטעט — דאָס איז געווען די בעסטע און העכסטע פֿאָרם פֿון פוילישן פּאַטריאָטיזם. די דאָזיקע אידעען האָבן געפֿונען זייער פּרעכטיקע פֿאַרקערפּערונג אין ערליכן און אַלטערן. נייע באַווייזן פֿון דעם גוט־פֿאַרשטאַנענעם פּאַטריאָטיזם האָבן זיי געגעבן אין דער איצטיקער מלחמה. ניט־קוקנדיק אויף דער איבערגעוויכט פֿון שונא, האָבן אַלטער און ערליך גערופֿן צום קאַמף און ווידערשטאַנד קעגן דער דייטשער אָקופּאַציע.

„אַפֿילו די לאַנג־דויערנדיקע סאָוויעטישע טורמע האָט ניט דערשטיקט זייער גייסט. דורך דער קורצער צייט פֿון זייער געפֿינען זיך אויף דער פֿריי, אין סעפּטעמבער, 1941, האָבן זיי גערופֿן די יידן, פּוילישע בירגער, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד, צו אַ באַוואָפֿנטן קאַמף קעגן דער דייטשער אָקופּאַציע. זיי האָבן ברייטהאַרציק פֿאַרגעסן וועגן זייערע לײדן און עוולות און אַלע כּוחות געשאָנקן איין ציל — צו באַזיגן די דייטשן און זייערע פֿאַרבינדעטע.

„מיר פֿאַראורטיילן אַמשאַרפֿסטן די באַליידיקונגען, וואָס ווערן געוואָרפֿן דורך די מערדער אויף זייערע קרבנות. מיר וועלן ניט גלויבן קיין שום בלבולים, וואָס וועלן אויף זיי געוואָרפֿן ווערן. מיר האָבן געקענט די דאָזיקע צוויי חברים, זיי זענען אין משך פֿון צענטליקער יאָרן געשטאַנען מיט אונז אין די זעלבע לײדן און פּיין. קיינער און גאָרנישט וועלן נישט זיין אימשטאַנד צו באַליידיקן די קברים פֿון די צוויי קעמפּער פֿאַר פֿרייהייט, פֿאַר סאָציאַליזם און אומאָפּהענגיקייט פֿון פּוילן.

„זייערע געשטאַלטן וועלן נישט דערגרייכט ווערן פֿון די הויפֿנס בלאָטע, מיט וועלכע מען וויל זיי באַוואַרפֿן נאָך זייער טויט. די אַרבעטער־מאַסן פֿון פּוילן וועלן צוגלייך מיט דער גרויסער צאָל קרבנות, וועלכע זענען געפֿאַלן אויף דער פּוילישער ערד אין קאַמף קעגן די נאַציס, אין טיפֿער דאַנקבאַרקייט טראָגן דעם אָנדענק פֿון ערליך און אַלטער. מיר וועלן ניט פֿאַרגעסן אין קיין שום פֿאַרברעכן, וואָס עס איז באַגאַנגען געוואָרן לגבי די אַרבעטער־מאַסן אין פּוילן, קעגן זייער באַוועגונג און זייערע פֿירער. פֿאַר יעדן טראָפּן בלוט וועט געמאָנט ווערן חשבון. מיר ווייסן, אַז די ידיעה וועגן דעם באַגאַנגענעם מאָרד וועט אויפֿטרייסלען די מאַסן, וועלכע פֿירן איצט אָן דעם אונטערערדישן קאַמף אין אָקופּירטן פּוילן. מען דאַרף האָבן אַ סך גייסטיקן כּוח, מען זאָל ניט צוזאַמענברעכן פֿון די קלעפּ, וועלכע קומען פֿון פֿאַרשידענע זייטן. מיר גלויבן און ווייסן, אַז דער קאַמף וועט נישט אויפֿהערן

אויף קיין איין מינוט. אַז עס וועלן נישט אַ ציטער טון די הענט, אַז עס וועלן ניט אָפּגעשוואַכט ווערן די הערצער ביז פֿון פּוילן וועלן ניט אַרויסגעטריבן ווערן די פֿאַרכאַפּער און ביז די פּוילישע רעפּובליק וועט ניט דערגרייכן פֿולע און אמתע אומאָפּהענגיקייט".

דעקלאַראַציע פֿון דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי און אַנדערע אַרבעטער־פּאַרטייען

דעם 26 מערץ האָבן די פֿירער פֿון אַ ריי סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צוגעשיקט צו דער אויסלענדישער דעלעגאַציע פֿון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.) אַ געמיינזאַמע דעקלאַראַציע, אַז זיי סאָלידאַריזירן זיך מיט דער פֿריִער געבראַכטער רעזאָלוציע פֿון פּ. פּ. ס. וועגן דער היגריכטונג פֿון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער.

די דעקלאַראַציע האָבן אונטערגעשריבן אין נאָמען פֿון דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי — דער פֿאָרזיצער דאָבס און סעקרעטאַר פֿאַר אויסלענדישע ענינים — גיליס, אין נאָמען פֿון די ענגלישע אַרבעטער־פֿרויען־אָרגאַניזאַציעס — מערי סאַטהערלענד, אין נאָמען פֿון די בעלגישע סאָציאַליסטן — לוי דע ברוקער און קאַמיל הויסמאַנס, אין נאָמען פֿון דער טשעכאָסלאָוואַקישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי יוזעף בילינאַ, אין נאָמען פֿון דער פֿראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַר־טיי — לוי לעווי, אין נאָמען פֿון דער נאָרוועגישער אַרבעטער־פּאַרטיי — אַלפֿרעד סעווערין, אין נאָמען פֿון דער פּאַלעסטינער אַרבעטער־פּאַרטיי — בערל לאָקער.

דערקלערונג פֿון עסטרייכישן אַרבעטער־קאָמיטעט

אין נאָמען פֿון עסטרייכישן אַרבעטער־קאָמיטעט, וואָס רעפּרע־זענטירט די סאָציאַליסטישע עמיגראַנטן, וועלכע זענען געווען טעטיק אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער און טרייד־יוניאָן־באַוועגונג אין עסטרייך, האָט פֿרידריך אַדלער, דער לאַנג־יאָריקער סעקרעטאַר פֿון סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל, צוגעשיקט פֿאָלגנדן בריוו:

„צו דער אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פֿון „בונד" אין פּוילן:

„די גענאָסן, וואָס בילדן די עקזעקוטיווע פֿון דעם עסטרייכישן אַרבעטער־קאָמיטעט, האָבן אין משך פֿון אַ סך יאָרן פּערזענלעך גע־קאָנט הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער. זיי דערמאָנען זיך, אַז אַלס פֿירער פֿון דער דעלעגאַציע פֿונם יידישן אַרבעטער „בונד" אין פּוילן זענען זיי אויפֿגעטרעטן אויפֿן קאָנגרעס פֿון סאָציאַליסטישן

אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל אין 1931 און זיי קאָנען אויך נישט פֿאַר־געסן די סאָלידאַריטעט, וואָס גענאָסע ערליך האָט אַרויסגעוויזן די עסטרייכישע אַרבעטער, ווען ער איז, אַלס איינער פֿון די ערשטע אויסלענדישע סאָציאַליסטן, געקומען צו זיי נאָך די בלוטיקע פֿעברואַר־טעג, אין 1934, אין ווין.

„די גענאָסן ערליך און אַלטער זענען אַלע מאָל געווען אין לינקסטן פֿליגל פֿון סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל, זיי זענען גע־שטאַנען אידעאָלאָגיש זייער נאָענט צו דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. עס זענען דעריבער נישט גויטיק קיין סך ווערטער, כּדי צו פֿאַרשטיין אונזער טיפֿסטע איבערצייגונג, אַז היינט, ווי אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, זעען מיר אין הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער דערהויבענע קעמפֿער פֿאַרן סאָציאַליזם, טרייע גענאָסן, וועלכע זענען אַלע מאָל גרייט געווען צו קעמפֿן פֿאַר זייערע איבערצייגונגען.

„אויף אַזאַ אופֿן איז די הינריכטונג פֿון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער פֿאַר אונז אַ טאָפּלטע דערשיטערונג. מיר פֿאַרלירן אין זיי נישט נאָר אויסגעפּרוווטע מיטקעמפֿער און פּערזענלעכע פֿריינד, נאָר זייער טויט האָט אונז אין דעם אומדערוואַרטעטן מאָמענט געבראַכט צום באַוווסטזיין מיט שרעקלעכער גרויזאַמקייט די טראַגעדיע, וועלכע עס לעבט איבער די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג זייט דעם אויסברוך פֿון דעם ערשטן וועלט־קריג. קרבנות פֿון דעם שענד־לעכן יוסטיץ־מאָרד זענען נישט נאָר צוויי פֿירער פֿון „בונד”, נאָר דער סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד גופֿא און צוזאַמען מיט אים דער אַרבעטער־קלאַס פֿון גאַנץ אייראָפּע.

„מיר פֿאַרשטייען דעם אומענדלעכן שמערץ, וואָס עס לעבן איבער די גענאָסן פֿון „בונד”. מיר טיילן די דאָזיקע געפֿילן. מיר האָפֿן אָבער, אַז די גענאָסן פֿון „בונד”, וואָס האָבן אַזוי פֿיל איבערגעלעבט אין די לעצטע חדשים, וועלן זיך אויך ניט לאָזן אַנטמוטיקן דורך דעם לעצטן שווערסטן קלאַפּ און וועלן ווייטער אַרבעטן פֿאַר די גרויסע אויפֿגאַבן, וואָס די צוקונפֿט שטעלט פֿאַר אונז, אויפֿגאַבן, וואָס זענען סוף־כּל־סוף צום פֿאַרענטפֿערן נאָר דורך אַ צוזאַמענאַרבעט פֿון גאַנצן אייראָ־פּעישן אַרבעטער־קלאַס. פֿאַר דעם געדאַנק האָבן ערליך און אַלטער אומדערמידלעך געקעמפֿט.

„ערלויבט אונז אין דעם טראַגישן מאָמענט אויסצודריקן אייך אונזער געפֿיל דורך אונזער עסטרייכישן פּאַרטיי־גרוס: פֿריינדשאַפֿט!”

די עפנטלעכע מיינונג פאַראורטיילט דעם מאָרד

אומעטום, אין אַלע לענדער, ווו ס'איז נאָך פאַראַן אַ פרייע פרעסע, אַן אומאָפּהענגיקע עפנטלעכע מיינונג, האָבן אַלע צייטונגען געברענגט ידיעות וועגן דער דערמאָרדונג פון ערליכן און אַלטערן און דעם פאַרברעכן שאַרף פאַראורטיילט. צוליב די קאָמוניקאַציע־שוועריקייטן געפינען זיך נאָך נישט אין אונזער רשות די צייטונגען פון אַנדערע לענדער. מיר ווייסן אָבער פון די טעלעגראַפישע ידעות, אַז עס האָט שאַרף רעאַגירט קעגן מאָרד די אַרבעטער־פרעסע פון ענגלאַנד, שווייץ, שוועדן, דרום־אַמעריקע און אַ ריי אַנדערע לענדער. פון די הונדערטער אַמעריקאַנער צייטונגען, וועלכע האָבן געטאַדלט דעם מאָרד און פאַרטיידיקט די אומגעברענגטע קעגן שענדלעכן בלבול, וועלן מיר דאָ ברענגען אַ ריי אויסצוגן:

א. די אַמעריקאַנער פרעסע

דער באַוווסטער ליבעראַלער זשורנאַל „ניו־רעפּובליק" האָט געשריבן:

„אויב הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער וואָלטן געווען געבוירן אין פראַנקרייך, וואָלטן זייערע נעמען געקאָנט זיין לעאָן בלום און לעאָן זשואָ.

„עס איז נוצלאָז צו שטעלן די פראַגע וועגן זייער שולד אָדער אומשולד. ווער עס וואָלט געקאָנט גלויבן אין אַזעלכע באַשולדיקונגען אויף לעאָן בלום און לעאָן זשואָ — דער קאָן גלויבן, אַז ערליך און אַלטער זענען געווען שולדיק. דער וואָס וואָלט אָפּגעוואָרפן אַזעלכע באַשולדיקונגען קעגן לעאָן בלום און זשואָ ווי אַ מאָנסטרועלן בלבול, אַזאַ איינער וועט אָפּוואַרפן די באַשולדיקונג קעגן ערליכן און אַלטערן. ווער ס'וועט וועלן האָבן דאָקומענטן, איידער ער טראָגט אַרויס זיין מיינונג, דער וועט מוזן צוואַרטן מיט זיין מיינונג מסתמא ביז אין דער אייביקייט.

„די ליבעראַלן מוזן וויסן ווו זיי שטייען. זיי קאָנען נישט (ביי שטרייטיקייטן צווישן די סאָוויעטן און אַנדערע מלוכות) אַלעמאָל זיך שטעלן

אויף דער זייט פֿון די סאָוויעטן בלויז דערפֿאַר, וואָס דער ראַטן־פֿאַרבאַנד באַטראַכט זיך ווי אַ סאָציאַליסטישע מלוכה. און פּונקט אַזוי טאָרן זיי נישט, אַפֿילו אומדירעקט, קרעפּטיקן אַ וועלכע נישט איז טענדענץ פֿון באַוואָפֿנטער אַרײַנמישונג אין די אינערלעכע ענינים פֿון סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד. און ווען זיי ווילן שאַפֿן זייערע מיינונגען וועגן מעלות און חסרונות פֿונם סאָוויעטישן רעזשים — מוזן זיי געדענקן וועגן אַזאַ פֿאַקט, ווי די הינריכטונג פֿון ערליך און אַלטער״.

* *
*

אין אַן עדיטאָריעל פֿון 13 מערץ שרייבט דער ראַדיקאַלער זשורנאַל „דהי ניישאָן״:

„דער כאַראַקטער פֿון אָט די צוויי מענטשן איז די שטאַרקסטע אָפּלייקענונג פֿון אַ וועלכער נישט איז באַשולדיקונג אין אַנטי־מלחמה־טעטיקייט, פֿאַר וואָס זיי זענען פֿאַראורטיילט געוואָרן דורך אַ סאָוויעטישן קריגס־געריכט. זיי זענען נישט געווען קיין סאָציאַליסטן פֿון פּאַציפֿיסטישן שניט. פֿאַרקערט, זיי האָבן געהאָלפֿן אָרגאַניזירן דעם העלדישן ווידערשטאַנד פֿון די וואַרשעווער אַרבעטער קעגן די נאַציס״...

דער מחבר רעדט ווייטער וועגן דער אומגלויבלעכקייט פֿון דער גאַנצער באַשולדיקונג און דערציילט וועגן דער אויפֿרעגונג, וואָס דער אורטייל האָט דערוועקט צווישן יידישע און סאָציאַליסטישע אַרבעטער. „די רעאַקציאָנערע קרייזן — שרייבט דער מחבר — וועמען, געוויינלעך, דער גורל פֿון די צוויי אַרבעטער־טוער וואָלט לגמרי נישט אָנגעגאַנגען, נוצן אויס די הינרכטונג ווי אַן אינסטרומענט קעגן אייניקייט פֿון מערב מיט רוסלאַנד״. „פֿאַר דעם אָבער — גיט צו די „ניישאָן״ — ליגט די הויפּט־פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט אויפֿן סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד. די הינריכטונג פֿון ערליך און אַלטער איז ניט בלויז געווען שלעכטע גערעכטיקייט, נאָר אויך שלעכטע פּראָפּאַגאַנדע״.

* *
*

די „ניו יאָרק פּאָסט״ שרייבט אין אַן עדיטאָריעל פֿון 31טן מערץ וועגן ערליך־אַלטער־מאָרד:

„סאָוויעט־רוסלאַנד דאַרף כּסדר געוואָרנט ווערן, אַז דעמאָקראַטן קענען נישט מוחל זיין אירע פּאָליטישע מאָרדן מער, ווי די פּאָליטישע מאָרדן פֿון אונזערע אָפֿענע פֿאַשיסטישע שונאים. אויב דאָס קילט אָפּ דעם ענטוזיאַזם פֿון אַמעריקאַנער פֿאַר אַ נענטערער פֿאַרבינדונג מיטן ראַטן־פֿאַרבאַנד, קען זיך דאָס אויסווירקן אומגליקלעך אין מיליטערישן

זינען. אָבער דאָס גרעסטע אומגליק וואָלט געווען דורך אונזער שוויַיגן צו געבן אַ הסכם צו אַזעלכע אַקטן פֿון פּאַראַט קעגן דעם פּשוטן מענטש".

* *
*

דער וואָכן־ביולעטין פֿון „אַמעריקען פּעדעריישאָן אָוו לייבאָר", וואָס זיַינע אַרטיקלען ווערן איבערגעדרוקט אין הונדערטער יוניאָן־ציַיטונגען, ווידמעט דעם מאָרד זיַין לייט־אַרטיקל פֿון 9טן מערץ. מיר לייענען דאָרט:

„אונזער פֿליכט איז... צו משפּטן יענעם אופֿן פֿון רעגירן, יענעם סאָרט גערעכטיקייט, וואָס האָט די קרבנות געקאָנט פֿאַראורטיילן".

„טוענדיק דאָס, געדענקען מיר פֿון אָנהויב, אַז די סאָוויעטן־רעגירונג איז אונזער פֿאַרבינדעטע אין קריג. דאָס סאָוויעטישע פֿאָלק און די סאָוויעטישע אַרמייען האָבן געשטעלט אַ באַגייסטערטן ווידערשטאַנד היטלערס באַוואָפֿנטער מאַכט. זייער קאַמף איז אונזער קאַמף.

„... עס וואָלט געווען נאָכדעם צום לייכטסטן צו זאָגן: סטאַלינס געשעפֿטן געהערן צו אים אַליין, עס וואָלט געווען דאָס פּשוטסטע אָפּצוואַשן די הענט און פֿאַרגעסן די גאַנצע געשיכטע.

„אָבער מיר טאָרן נישט פֿאַרגעסן. מיר קאָנען נישט פֿאַרשוויַיגן אַ מאָרד און נישט ווערן דערביַי מיטשולדיקע.

„עס איז זיכער, אַז ערליך און אַלטער זענען היגעריכטעט געוואָרן נישט פֿאַר מיטאַרבעט מיט היטלערן, נאָר פֿאַר זייערע טרייד־יוניאָן איבערציַיגונגען, וואָס האָבן געמאַכט פֿאַר זיי אוממעגלעך, אַז זיי זאָלן פֿאַרדייען דעם סטאַליניזם".

* *
*

„דהי קאָל", אַרגאַן פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע, שריַיבט אין נומער פֿון 12טן מערץ:

„רוסלאַנדס פּלענער פֿון אַ מזרח־איירָאָפּע, וואָס איז פֿאַראייניקט אונטער סטאַלינס דיקטאַטור מאַכט פֿאַר אומבאַדינגט נויטיק פֿאַרן סטאַליניזם צו געווינען די אַרבעטער און פּויערים פֿון אָט די געגנטן. עס וועט זיַין לייכט אָפּצורייסן די מאַסן פֿון די בירגערלעכע דעמאָקראַטן און נעאָ־פֿאַשיסטן נאָך די לעקציעס פֿון די לעצטע עטלעכע יאָר. אָבער די געפֿערלעכסטע מניעה און דער פּאָטענציעל שטאַרקסטער כּוח, וואָס קאָן שטערן איינצושטעלן סטאַלינס העגעמאָניע איבער מזרח־איירָאָפּע איז דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם.

„...דער יידישער סאָציאַליסטישער „בונד" איז דער לעבעדיקער באַווייז, אַז די אַרבעטער דאַרפֿן נישט אויסוויילן צווישן רעפֿאָרמיזם און סטאַליניזם. דער „בונד" האָט דעם אינהאַלט פֿון טראַדיציאָנעלן סאָציאַליזם אַריינגעלייגט אין אַ פּראַקטישע קעמפֿערישע אַקציע־פּראָגראַם. דער וואַקסנדיקער כּוח פֿון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, וואָס איז רעפּרעזענטירט דורכן „בונד", האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער די גרענעצן פֿון פּוילן און האָבן באַאיינפֿלוסט דעם סאָציאַליזם אין גאַר דער וועלט.

„...די וואָרטזאָגער פֿון קעמפֿערישן סאָציאַליזם סיי פֿון די יידישע אַרבעטער פֿון פּוילן, סיי פֿון די סאָציאַליסטישע אַרבעטער אין גאַר דער וועלט זענען געווען ערליך און אַלטער. ווי לאָגיש איז געווען, אַז קוים זענען זיי אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿון דער גע. פּע. או., צו אָרגאַניזירן זייער „ליקווידירונג".

* *
*

אין מאַי־נומער פֿון זשורנאַל פֿאַר אינטערנאַציאָנאַלע ענינים „פֿרי וואָרלד" — שרייבט דער באַוווסטער ענגלישער סאָציאַליסט נאָרמאַן ענדזשעל (געווינער פֿון נאָבל־פּרייז פֿאַר שלום):

„וואָס מער מען וועט פֿולשטענדיק קלאָר מאַכן פֿאַר מאָסקווע, אַז די פֿאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד האָבן נישט קיין שום כּוונות קעגן דער זיכערקייט פֿון רוסלאַנד און אַז זיי זענען גרייט מיטן גאַנצן האַרצן זי אַנצונעמען אַלס גלייכן און פֿולן שותּף אין יעדן קינפֿטיקן זיכערקייט־סיסטעם, אַלץ מער וועט זיין מעגלעך אָן סכּנה צו רעדן קלאָר וועגן אַזעלכע אינצידענטן, ווי די עקזעקוציע איבער די יידיש־פּוילישע סאָציאַליסטן. די דאָזיקע עקזעקוציע האָט אויפֿגעטרייסלט די ליבעראַלע עפֿנטלעכע מיינונג פֿון אַלע שאַטירונגען (אַ חוץ דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פֿאַרשטייט זיך), סיי דאָ, סיי אין ענגלאַנד. ס'איז אַ געזונטע דערשיינונג, וואָס עס ווערן געבערענגט צום אויסדרוק די געפֿילן פֿון מאָראַלישן צאָרן. און ס'איז גוט צו דערמאָנען, אַז סאָקאָוואַנזעטי־ענינים זענען נישט בלויז אַ פּראָדוקט פֿון קאַפּיטאַליזם, אַז די התחלה פֿון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט פֿאַרזיכערט נישט אויטאָמאַטיש פּאָליטישע פֿרייהייט און דאָס שאַנעווען די עלעמענטאַרע רעכט".

* *
*

די באַקאַנטע אַנטי־פֿאַשיסטישע טעגלעכע צייטונג „פּ. מ." פֿרעגט אין איר עדיטאָריעל פֿון 18 מערץ „וועגן ערליכן און אַלטערן":

„ווי אַזוי קען אַ מענטש מיט דעמאָקראַטישע אַנשויונגען און מיט

אַכטונג פאַר מענטשלעכע ווערטן, אויפן סמך פון די ביז־איצט באַוווסטע פאַקטן, נישט פאַראורטיילן דאָס, וואָס די סאָוויעטישע רעגירונג האָט געטון״.

* *
*

„דזהי מישיגען סי. איי. אָ. ניוס״ פון 26 מערץ שרייבט:

„רוסלאַנד, אַלס איינע פון די פאַראייניקטע פעלקער, האָט אונטערגעשריבן די „פיר פרייהייטן״. דורך דער דערמאָרדונג פון אַלטער און ערליך האָט רוסלאַנד באַוויזן, אַז זי האָט ניט געביטן אירע דיקטאַטור־פלעקן. מיר האַלטן זיך נישט צוריק פון קריטיקירן ענגלאַנד פאַר איר באַהאַנדלונג פון אינדיע; מיר וואַקלען זיך נישט צו פאַראורטיילן אומדעמאָקראַטישע טענדענצן אין אונזער אייגענער רעגירונג. מיר טאָרן דעריבער נישט פאַרבלייבן שטיל, ווען רוסלאַנד באַגייט אַזאַ שענדלעכן פאַרברעכן ווי דערמאָרדן צוויי נישט־קאָמוניסטן, אַרבעטער־פירער, וועלכע האָבן אָפּגעלעבט לעבנס פון בראַווער אומאייגנוציקער דינסט פאַר פרייהייט און פאַר די אַרבעטער.

„די אַמעריקאַנער קאָמוניסטישע פרעסע און די קאָמוניסטישע משרתים אין דער אַרבעטער־באַוועגונג טוען אַלץ, וואָס זיי קענען, צו דערטרינקען די פּראָטעסטן קעגן דער דערמאָרדונג פון ערליך און אַלטער דורך באַשמוצן דעם רעקאָרד פון די צוויי מענטשן. מען טאָר נישט דערלאָזן, אַז דאָס זאָל זיי געלינגען. פיליפּ מאַרעי. (דער פּרעזידענט פון סי. איי. אָ.) האָט געוווּסט, אַז די צוויי מענטשן זענען ערנהאַפטע אַרבעטער־פירער, וועלכע פאַרדינען, אַז מען זאָל זיי באַשיצן. מיר מוזן טון ווייניקסטנס אַזוי פיל ווי פיליפּ מאַרעי האָט געטון. מיר זאָלן געדענקן אָט די הינריכטונגען אַלס באַווייז, אַז כאָטש רוסלאַנד איז אונזער מיליטערישער פאַרבינדעטער, האָבן קאָמוניסטן, קאָמוניזם זיך אויף איין האָר נישט געענדערט״.

* *
*

דער אָרגאַן פון דער גרעסטער יוניאָן אין דער סי. איי. אָ. דער „יונייטעד אָטאָמאָביל־וואָירקער״, וואָס רעדט אין נאָמען פון דריי פערטל מיליאָן מיטגלידער, שרייבט:

„טראָץ דעם פאַרדרוס, וואָס מען פילט אין די אַמעריקאַנער אַרבעטער־קרייזן איבער די הינריכטונגען, האָט קיינער פון זיי נישט געגעבן אָנצוהערן, אַז דאָס זאָל געניצט ווערן אָפּצושוואַכן אַמעריקעס אינדוסטריעלע און מיליטערישע הילף אין דעם קאַמף, וואָס די רוסישע אַרמיי פירט אָן. די מיליטערישע דערפאָלגן פון רוסלאַנד אין דער

מלחמה וועט זיין אַן אַנטשיידענער פֿאַקטאָר אין דער מלחמה פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער קעגן נאַציזם; יעדע הילף מוז געגעבן ווערן דורך לענד־ליס און מיליטערישע אָפּעראַציעס. די הינריכטונג אָבער פֿון אַלטער און ערליך איז נאָך אַן אילוסטראַציע פֿון דעם פֿאַקט, אַז דאָס איינפֿירן פֿון די „פֿיר פֿרייהייטן" אין ענגלאַנד, אַמעריקע אַזוי גוט ווי אין סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד טאָר נישט אָנגענומען ווערן אַלס גאַראַנטירט בלויז דורך די פֿאַרזיכערונגען פֿון די באַטרעפֿנדע רע־גירונגען. די אַרבעטער־באַוועגונג וועט מוזן אָנפֿירן אויך אַט דעם קאַמף".

* *
*

„338 ניוס", אָרגאַן פֿון לאָקאַל 338 (סי. איי. אָ.) פֿון שפּייז אָנ־געשטעלטע אין ניו־יאָרק, שרייבט אין אַפּריל־נומער:

„ערליך און אַלטער זענען מאַרטירער אין ריכטיקסטן זין פֿון וואָרט. זיי זענען צוגאָב־קרבנות אויף דעם מזבח פֿון אַלוועלטלעכן קאַמף פֿון די אַרבעטער צו שאַפֿן אַ בעסערע וועלט. זייערע נעמען וועלן דערמאָנט ווערן אַזוי לאַנג, ווי אַרבעטער וועלן קעמפֿן פֿאַר פֿריי־הייט, ברידערלעכקייט און מענטשלעכער ווירדע. די באַמיונגען פֿון דער ג. פּ. או. צו באַשמוצן די נעמען פֿון די דאָזיקע אַרבעטער־פֿירער און זיי באַצייכענען אַלס פֿאַשיסטישע אַגענטן וועט אין די אויגן פֿון דער מענטשהייט האָבן אַזוי וויניק דערפֿאָלג, ווי די באַמיונגען וואָס זענען געמאַכט געוואָרן צו באַשמוצן אַנדערע מאַרטירער".

* *
*

י. סטאָוט, דער וואַשינגטאָנער קאָרעספּאָנדענט פֿון „ניו־לידער" שרייבט אין נומער פֿון 6 מערץ וועגן גרויסן רושם פֿון מאָרד אין די דיפּלאָמאַטישע קרייזן. מיר לייענען:

„די אויגן פֿון די אַמעריקאַנער און אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן, באַזונדערס פֿון מזרח־איראָפּע, זאָגן מער אויסדריקלעך ווי ווערטער, אַז דעם רוסישן „סאַקאָ־וואַנזעטי־ענין" וועט מען נישט פֿאַרגעסן און נישט מוחל זיין, פּונקט ווי ס'איז געווען דער פֿאַל מיטן אַמעריקאַנער סאַקאָ־וואַנזעטי־ענין".

* *
*

אַלבערט גאָלדמאַן אין „דהי מיליטאַנט" פֿון 20 מערץ:

ערליך און אַלטער „האָבן געקענט די רוסישע שפּראַך. זיי האָבן אָן ספֿק געטראָפֿן אין תּפֿיסה פֿיל רעוואָלוציאָנערן. זיי האָבן אַסך

געזען. זיי אַרויסצולאָזן און דערלויבן זיי אַרויסצופֿאָרן פֿון לאַנד וואָלט געהייסן באַפֿרייען צוויי מענטשן, וועלכע וואָלטן מיט גרויס אויטאָריטעט געקאָנט רעדן און שרייבן וועגן דער לאַגע אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. סטאַלין האָט פּשוט נישט געקענט דערלויבן די דאָזיקע צוויי מענטשן אַרויסצוקומען פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד און אויפֿדעקן די סודות פֿון זיינע טורמעס און אַרעסטירטע".

* *
*

„דהי אַדוואַנס", אָרגאַן פֿון מענער־שניידער־אַרבעטער־יוניאָן אין אַמעריקע (אַמאַלגאַמייטעד) שרייבט אין אַן עדיטאָריעל (דעם 15 מערץ):

„פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער סאָוויעטישער פּאָליטיק און פֿון שאַפֿן גוטע באַציִונגען, איז די היגריכטונג פֿון ערליכן און אַלטערן געווען אַ נאַרישער אַקט, וואָס איז אין פּאָליטיק אַפֿילו ערגער פֿון אַ פֿאַרברעכן. אַזאַ מין נישט רעכענען זיך מיט דער עפֿנטלעכער מיינונג פֿון אַ פֿאַרבינדעטער מלוכה פּאָרט זיך געוויס נישט מיט פֿאַרנונפֿטיקע אינטערנאַציאָנאַלע באַציִונגען. די איינציק־מעגלעכע אויסטייטשונג פֿון דאָזיקן אַקט פֿון סאָוויעטישן רעזשים איז, אַז ער האָט דערלויבט פּאַרטייאיש־קאָמוניסטישע מאָטיוון משפּיע צו זיין אויף אַ מלוכהשער האַנדלונג. האַס צו פּאַרטייאישע קעגנער האָט דיקטירט דעם אורטייל פֿון געריכט. סאָוויעט־פּאָליטיק איז אונטערגעאָרדענט געוואָרן צו קאָמוניסטישער פֿאַנאַטישער שנאה".

* *
*

אין סאָציאַליסטיטשעסקי וויעסטניק", אָרגאַן פֿון דער אויסלענדישער דעלעגאַציע פֿון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (מענשעוויקעס), שרייבט פּ. גאַרווי:

„די פֿונדאַסניי תחית־המתים אויפֿגעשטאַנענע אילוזיעס וועגן אַ וועלט־באַפֿרייערישער ראָל פֿון סאָוויעטישן אַוואַנגאַרד פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע האָט דער מאָרד איבער ערליכן און אַלטערן געגעבן אַ שווערן קלאַפּ. אַ טויט־קלאַפּ איז דאָס אויך פֿאַר די אילוזיעס פֿון „איינהייטלעכן פֿראָנט". אָבער איבערצייגנדיק זיך אין דער גרונטלאָזיקייט פֿון אָט די אילוזיעס, זענען ערליך און אַלטער געבליבן געטריי זייער גרונט־לאָזונג — אַלזייטיק שטיצן דעם סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד אין זיין קאַמף קעגן היטלערן און זיינע מאָטאָריזירטע האָרדעס...

... "דאָס גרויסע פֿאָלק וועט, גובר זייענדיק די אינוואַזיע פֿון די שונאים פֿון פֿרייהייט, נישט וועלן אייביק פֿאַרבלייבן אין טעמפּן

ווינקל פון דער דיקטאַטור. עס קאָן נישט זיין, אַז דאָס בלוט פון מיליאָנען רויטע אַרמייער און פּאַרטיזאַנען, מיט וועלכן עס האָט זיך אויסגעמישט דאָס בלוט פון אונזערע צוויי חברים, די פּאַטריאָטן פון פרייהייט, דע־מאָקראַטיע און סאָציאַליזם, — זאָל זיין פאַרגאָסן אומזיסט״.

* *
*

„דער דאָזיקער קאַשמאַר פאַרברעכן (דאָס דערשיסן ערליכן און אַלטערן) איז אַ גרויזאַמער קלאַפּ דער זאַך פון פאַראייניקן דעם אַרבעטער־קלאַס און די אַרבעטנדיקע מאַסן פון אַלע לענדער צום קאַמף פאַר דער מיליטערישער און פּאָליטישער מפּלה פון דייטשן און אַלוועלטלעכן פאַשיזם, פאַר פאַרענדיקן דעם קריג מיט דער סאָציאַליסטישער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט און במילא פאַר די לעבנס־אינטערעסן פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע און ראַטן־פאַרבאַנד״.

(פון דער דערקלערונג פון דער רוסלענדער ס. ד. גרופּע „נאָווי פּוט״).

ב. שטימען פון אויסלאַנד

פון די אויסלענדישע צייטונגען אין וועלכע מען האָט וועגן דעם ענין געשריבן, ברענגען מיר דאָ אייניקע אויסצוגן. די שוועדישע אַר־בעטער־צייטונג „אַרבעטעט״ זאָגט אין נומער פון 6 מערץ:

„מען האָט הינגעריכטעט מיטגלידער פון „בונד״, פון אַ יידישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען נאָך לינקער פאַר דער פּ. פּ. ס., דאָס זענען געווען יידן — קינדער פון אַ פאָלק, וואָס ווערט גרויזאַם פאַר־פאָלגט דורך די דייטשן. אויף דעם מאַרטירערטום פון די יידן האָט רוסלאַנד געענטפערט מיט אַ זאַלפּ פון עקזעקוציע־פּלוטאָן. אויף אַזאַ אופן זענען אומגעקומען ווירדיקע מענטשן, וועלכע האָבן געזוכט אַ מקום מקלט אין רוסלאַנד קעגן אומברחמנותדיקן שונא. די שטעלונג פון רוסלאַנד בלייבט אַ רעטעניש, ווייל איר וואָפן־ברודערשאַפט מיט די מערב־דעמאָקראַטיעס האָט נישט געענדערט דעם פּרינציפּ, וואָס ווערט פּראַקטיצירט אין ראַטן־רוסלאַנד, פון ליקווידירן סאָציאַליסטן מיט דער הילף פון עקזעקוציעס״.

* *
*

„ניוס־קאָמענט״, אויסגאַבע פון דער קאַנאַדער אַרבעטער־פּאַרטיי (סי. סי. עף.) שרייבט:

„די הינריכטונג פון די סאָציאַליסטישע פירער און די נאָכ־פאָלגנדע באַמיונגען צו באַשמוצן זייערע נעמען און כאַראַקטער איז

אַ גרויסע אַנטוישונג פֿאַר סאָציאַליסטן און פֿאַר די דעמאָקראַ־טישע פֿאָלקס־מאַסן אומעטום. דאָס ווייזט, אַז טראָץ דער מלחמה האָט סטאַלינס דיקטאַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד נישט נאָכגעלאָזט״.

* *
*

„אין משך פֿון זיין גאַנץ לעבן אַלס קעמפֿער פֿאַר דער מאָראַלישער און מאַטעריעלער דערהויבונג פֿון אַרבעטער־קלאַס האָט ער (ערליך) קיין מאָל נישט פֿאַראַטן זיין אינטעגראַלע קאָנצעפּציע פֿון פֿרייהייט, וועלכע קען נישט עקזיסטירן אָן אַכטונג פֿאַר דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. אָט דער באַגריף איז תּמיד געווען דער אויסגאַנגס־פּונקט פֿון ערליכס און אַלטערס אידעישער טראַדיציע און דאָס טאָקע האָבן נישט געקענט פֿאַרשטיין די אויסטייטשער פֿון קאָמוניזם, וועלכע האָבן מיט דעם מאָרד אויסגעגלייכט אַלטע חשבונות״.

(פֿון אָרגאַן פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אַרגענטינע,
„לאַ וואַנגאַרדיאַ״, 14 מערץ, בוענאָס איירעס).

* *
*

אַן אומזיניקער נקמה־אַקט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי לגבי מענטשן, וועלכע לעבן און קעמפֿן פֿאַר פֿרייהייט, לגבי מענטשן, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט פֿאַרלייקנט זייער פּערזענלעכקייט. די אַרבעטער פֿון גאָר דער וועלט וועלן קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן די רציחות, וואָס באַפֿלעקן נאָר די אויספֿירער זייערע און דערהויבן אויף דור דורות דעם אָנדענק פֿון זייערע קרבנות.

(פֿון אָרגאַן פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אורוגוויי,
„על סאָל״, 5 מערץ, מאָנטעווידעאָ).

ג. דער פּראָטעסט פֿון דער יידישער פּרעסע

מיטן איינציקן אויסנאַם פֿון דער קאָמוניסטישער פּרעסע האָבן אַלע איבעריקע צייטונגען געטאַדלט דעם מאָרד און קאַטעגאָריש אָפּ־געוואָרפֿן דעם בלבול, וואָס די באָלשעוויסטישע פֿירער האָבן געמאַכט אויף די צוויי יידישע אַרבעטער־פֿירער און אַנגעזעענע פֿאַרשטייער פֿון דער יידישער פּובליציסטיק.

צבֿיון האָט געשריבן אין „פֿאָרווערטס״ פֿון 3טן מערץ:

„ווען די קאָמוניסטישע מערדער אין רוסלאַנד וואָלטן ניט געווען קיין טרוסן און וואָלטן ניט געווען אַזוי נידערטרעכטיק טיף געזונקען, וואָלטן זיי אָפֿן געזאָגט, אַז זיי האָבן געהרגעט ערליכן און אַלטערן צוליב דעם, ווייל זיי האָבן אין פּוילן געפֿירט אַ קאַמף קעגן קאָמוניזם.

„דאָס וואָלט געווען ברוטאַל, דאָס וואָלט אַרויסגערופֿן אַן אַלגע־מיינעם פֿאַרדאַמונגס־פּראָטעסט קעגן די מערדער, אָבער די מערדער גופֿא וואָלטן געקענט זאָגן, אַז זיי האָבן דעם מוט צו דערציילן דעם פֿולן אמת און אַז זיי האָבן געטון דאָס, וואָס זייער נקמה־געפֿיל האָט זיי דיקטירט. זיי האָבן אָבער דעם מוט ניט געהאַט צו זאָגן דעם אמת. זיי האָבן מורא געהאַט פֿאַר אַן אויסברוך פֿון פֿאַרדאַמונגס־פּראָטעסטן קעגן אַזאַ אָפֿענער ציניִשער ברוטאַליטעט.

„אין יעדן מערדער ליגט אָבער באַהאַלטן אַ טרוס. פֿיל ערגער ווי דער קאָמוניסטישער מאָרד איז די אומגעהויערע נידערטרעכ־טיקייט פֿון די מערדער צו באַשמוצן די נעמען פֿון זייערע קרבנות מיט אַ שענדלעכן בלבול".

* *
*

אין „מאָרגן־זשורנאַל" האָט י. גלאַטשטיין אין אַן אַרטיקל וועגן דער ערליך־אַלטער־טראַגעדיע געשריבן:

„עס איז אַן אידיאָטישע באַשולדיקונג, וואָס וועט צווינגען אַ סך סאָוויעטישע יאָ־זאָגער נאָך אַמאָל צו רעווידירן זייערע מאָסקווער פּראָצעסן.

„...אויב מיין לובלינער לאַנדסמאַן הענריק ערליך איז שוין אויך געווען אַ שטיקל נאַצי, האָלט דאָך די באַשולדיקונג באַלד ביי מיר. און מיר גלויבט זיך בשום אופֿן ניט אויף מיר, אַז ווען איך וואָלט פֿאַרבלאָנדזשעט קיין סאָוויעט־רוסלאַנד, וואָלט איך זיך איצטער פֿאַר־נומען מיט פּראָ־נאַצישער טעטיקייט און מיט אָפּשוואַכן דעם מוט פֿון דער רויטער אַרמיי.

„פֿאַרקערט איך וואָלט נאָכגעלאָפֿן די רויטע אַרמיי און איך וואָלט זיך געבעטן מען זאָל מיך אויך באַערן מיט אַ ביקס...

„און אויך ערליך און אַלטער וואָלטן זיך מסתמא געשעצט גליקלעך, ווען מען וואָלט זיי באַערט מיט זעלבסט־אָפּפֿערנדיקער אַרבעט קעגן די נאַצישע חיות.

„אָבער זייער סאָציאַליסטישע פֿאַרגאַנגענהייט האָט זיי שוין אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל. עס איז געווען אַ פֿראַגע פֿון צייט. זיי זענען געווען טויטע מענטשן, אַזוי גיך ווי זיי זענען אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿון דער סאָוויעטישער מאַכט".

* *
*

דער„וועקער" פֿון 1טן מערץ שרייבט:

„צוויי ליכטיקע גייסטער זענען אויסגעלאָשן געוואָרן אונטער

דעם זינלאָזן און אומפאַרשעמטן בלבול פון פאַרבינדונג מיט די נאַציס.
נאָר איין כוונה האָט געקענט דערביי האָבן די קאָמוניסטישע מאַכט:

„באַשמוצן דעם אָרעאָל פון ריינקייט און דערהויבנקייט, מיט וועלכן די באַוווסטזיניקע יידישע אַרבעטער־ און פאָלקס־מאַסן האָבן אַרומ־גערינגלט די צוויי פירער, און פרוּוון דורך דעם פיזישן טויט פון די צוויי רומפולע טרעגער פון דעם ווירקלעכן סאָציאַליסטישן באַפריי־אונגס־אידעאַל — טויטן דעם גייסט פון דאָזיקן אידעאַל.

„די קאָמוניסטישע פירער מאַכן דעם זעלביקן טעות, וואָס עס האָבן געמאַכט און וואָס עס מאַכן די הענקער פון אַלע צייטן און פון אַלע פעלקער.

„זיי ווילן דורך טעראָר, דורך פאַרניכטן די טרעגער פון דער פרייהייט־אידיי — פאַרניכטן די אידיי גופא. זיי וועלן אָבער דעם דאָזיקן צוועק קיינמאָל נישט דערגרייכן.

„די יידישע סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע האָט מיט אומענדלעכן צער און שוידער אויפגענומען די ידיעה וועגן דער דערמאָרדונג פון ערליך און אַלטער. מיר וועלן האַלטן הייליק זייער ליכטיקן אָנדענק. מיר וועלן זען מיט אַלע מעגלעכקייטן אָפּ־צוהיטן פון פאַרשוועכונג דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, אונטער וועלכע דעק־מאַנטלען און תירוצים די דאָזיקע פאַרשוועכונג זאָל ניט קומען . . .״

* *
*

שלמה גראָדזענסקי שרייבט אין „יידישן קעמפער״ פון 5 מערץ:

„די בשורה, וואָס אַמבאַסאַדאָר ליטווינאָוו האָט איבערגעגעבן אין נאָמען פון זיין רעגירונג, איז געפאַלן ווי אַ באַרג־שווערער שטיין אין אונזער מיטן. מען קאָן עס ניט אַוועקנעמען מיט דערקלערונגען, מיט קיין אַנטשולדיקונגען, מיט קיין סברות און מיט קיין „פילאָסאָפ־יעס״. אָט־דער סאַדיסטישער מאָרד, אָט־די קאַלטבלוטיקע דערקלערונג פאַר דעם דאָזיקן מאָרד, אָט־דער לעצטער ווילזונגערישער שפיי אויף די קברים פון די צוויי מאַרטירער איז אַן אַרויסרוף: דאָס זענען מיר, דאָס טוען מיר, דאָס וועלן מיר טון, אַז מיר וועלן נאָר קאָנען — נעכטן, היינט און מאָרגן. קיינער וועט אונז נישט אָפּשטעלן, קיינער וועט אונז נישט שטערן. עס געפעלט אייך נישט? — אַנו, טוט אונז עפּעס . . .״

* *
*

אין „פאָרווערטס״ פון 2 מערץ שרייבט ר. אַבראַמאָוויטש:

„אונטער סטאַלינס דיקטאַטור ווערט קיין זאַך ניט געטון אָן אויסרעכענונג אָדער צופעליק. און די אויסרעכענונג איז געווען אַ

קלאָרע: כּדי צו קאָנען סאָוויעטיזירן און קאָמוניזירן פּוילן און די אַרבעטערשאַפט פון פּוילן, מוז מען פאַרניכטן די פירערשאַפט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פּוילן. און אויב מען דאַרף אָפּהאַקן די קעפּ פון דער יידישער און פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, זענען די דאָזיקע קעפּ פריִער פאַר אַלץ ערליך און אַלטער.

„די פירער פון פּוילשן „בונד", די גרויסע סאָציאַליסטן און קרישטאַל־קלאָרע מענטשן ערליך און אַלטער, זענען געפאַלן דערפאַר, ווייל זיי זענען געווען גרויסע סאָציאַליסטישע פירער און פון די שענסטע און אויפריכטיקסטע מענטשן אין דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דאָס איז געווען זייער גרויס פאַרברעכן, וואָס דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיי ניט געקאָנט מוחל זיין. ווארים דער וועלט קאָמוניזם נויטיקט זיך אין אַ צעשטויבטער, דעזאָרגאַניזירטער פירערלאָזער אַרבעטערשאַפט, וואָס זאָל קאָנען ווערן אַ לייכטער קרבן פון קאָמוניסטישער דעמאָגאָגיע. וואָס פּאָפּולערער, וואָס באַליבטער און וואָס רעוואָלוציאָנערער די סאָציאַליסטישע פירער פון אַ לאַנד זענען, אַלץ שטאַרקערע קעגנער פון דער קאָמוניסטישער דעמאָגאָגיע קאָנען זיי ווערן. און דעריבער איז אַלץ נויטיקער זיי צו פאַרניכטן".

* *
*

אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע" פון 5 מערץ לייענען מיר אין אַן אַרטיקל פון א. אַלמי:

„כאָטש איך בין אַלע מיינע יאָרן אַן אידעאָלאָגישער קעגנער פון „בונד", פון זיין פּראָגראַם, האָבן ערליך און אַלטער אין מיר אַרויסגערופן דרך־ארץ און יראת הכבוד.

„צו זאָגן אויף זיי, אַז זיי זענען געווען היטלער־אַגענטן, מיינט שפּייען דער גאַנצער וועלט אין פּנים אַריין.

„פון אַט־דער שענדלעכער און אידיאָטישער באַשולדיקונג אויף די צוויי יידישע אַרבעטער־פירער קאָנען מיר האָבן די בעסטע פאָרשטעלונג וויפל אמת ס'האָבן אַנטהאַלטן די באַשולדיקונגען אויף די אַלע אַנגעקלאָגטע אין די טרויעריק־באַרימטע מאָסקווער פּראָצעסן.

„ווי שטאַרק ס'ווילט זיך נישט אַצינד, בעת די העלדישע רויטע אַרמיי דערלאַנגט אַזעלכע קלעפּ היטלערס בלוטיקע האָרדעס, אַרויסטרעטן מיט שאַרפע רייד קעגן די מאָסקווער הערשער — איז אָבער אוממעגלעך צו שווייגן ביים קבר פון די צוויי דערמאָרדעטע יידישע אַרבעטער־פירער".

* *
*

ה. ראַגאָף האָט געשריבן אין „פֿאָרווערטס“ פֿון 4טן מערץ:

„דער שיקזאַל האָט פֿאַרבונדן אונזער לאַנד און אַנדערע דעמאָקראַטישע לענדער אין איין קאַמף מיט סאָוויעטן־לאַנד קעגן אַ געמיינשאַפֿטלעכן שונא.

„דאָס מיינט אָבער נישט, אַז דערפֿאַר, וואָס מיר שטייען צוזאַמען אין דער מלחמה, אַז דערפֿאַר, וואָס מיר האָבן קעגן זיך אַ געמיינשאַפֿטלעכן פֿיינט, מוזן מיר פֿאַרמאַכן די אויגן אויף די עוולות און פֿאַרברעכנס, וואָס ווערן אין אונזער לאַגער באַגאַנגען קעגן אונזערע אייגענע מענטשן, קעגן אומשולדיקע מענטשן. דערפֿאַר וואָס די רויטע אַרמיי העלפֿט אונז געווינען די מלחמה, זענען מיר נישט פֿאַרפֿליכטעט צו פֿאַרשווייגן אַזוינע הימל־שרייענדיקע פֿאַרברעכנס ווי די הינריכטונג פֿון מענטשן, וואָס האָבן זייער גאַנצן לעבן געווידמעט צו ברענגען פֿרייהייט און גערעכטיקייט אויף דער וועלט. אויב מיר וואָלטן עס געטון, וואָלטן מיר נישט געווען מאָראַליש באַרעכטיקט די מלחמה קעגן היטלערן צו געווינען.“

* *
*

דער „טאָג“ פֿון 16 מערץ האָט געווידמעט אַן עדיטאָריעל דעם ענין ערליך־אַלטער. מיר לייענען:

„הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, די צוויי פּאָליטישע פֿירער פֿון „בונד“ וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער גאַנץ לעבן צו דעם קאַמף פֿאַר פֿרייהייט, זאָלן פֿאַראורטיילט ווערן צום טויט פֿאַר זוכן שלום מיטן גרעסטן טיראַן פֿון דער וועלט. דאָס איז אַ טייוועלשע איראָניע!

„זיי, וואָס האָבן אָפּגעגעבן דעם גרעסטן טייל פֿון זייער לעבן פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿונם רוסישן פֿאָלק פֿון זיינע צאַריסטישע הערשער, זענען פֿון אַ רוסישן געריכט פֿאַראורטיילט געוואָרן צום טויט!

„מיר ווייסן נישט אַלע פֿאַקטן, וואָס זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויפֿן פּראָצעס, אויף וועלכע עדות די באַשולדיקונג האָט זיך געשטיצט.

„אָבער קיין מענטש מיט אַ קלאָרן זין, קיין נאָרמאַלע מענטשלעכע לאָגיק, וועט נישט אָננעמען די מעגלעכקייט, אַז ערליך און אַלטער, צוויי גרויסע קעמפֿער פֿאַר פֿרייהייט, צוויי יידישע רעוואָלוציאָנערן, זאָלן אַגיטירן פֿאַר שלום מיטן שונא.

„אַזאַ באַשולדיקונג קעגן אַלטער און ערליך איז אַ טראַגעדיע פֿאַר דער סאָוויעטישער גערעכטיקייט, נישט ווייניקער ווי פֿאַר אירע קרבנות.“

* *
*

אין אַן אַרטיקל פֿון חיים ליבערמאַן אין „פֿאָרווערטס" לייענען מיר:

„איך ווייס, אַז עס איז היינט זייער אַ היסטערישע צייט: רויטע אַרמיי! געראַטעוועט די וועלט! דאָס יידישע פֿאָלק גייט אונטער! און קעגן דעם היסטערישן שטראָם איז שווער אויפֿצוהויבן אַ קול פֿאַר אַן אָרעמען ערליכן און אַלטערן. אָבער בלויז פֿאַר שוואַכלינגען איז דאָס שווער. פֿאַר מענטשן מיט כאַראַקטער איז דאָס ערשט די ריכטיקע צייט. איך ווייס, אַז דו האָסט ליב צו רעדן מיט באַוווּנדערונג פֿון זאָלאַ, וואָס האָט געהאַט דעם מוט זיך אויפֿצוהויבן קעגן גאַנץ פֿראַנקרייך און זיך איינשטעלן פֿאַר דעם אָרעמען פֿאַרבלבולטן דרייפֿוסן. היינט האָסטו די געלעגנהייט אויף דיין אייגענעם באַשיידענעם אופֿן צו זיין אַ זאָלאַ. דער בלבול אויף ערליכן און אַלטערן איז שרעקלעכער ווי דער דרייפֿוס־בלבול איז געווען.

„אויב ניט, אויב דו ביזט ניט אַזעלכער, ביזטו ניט מיין ברודער."

* *
*

אפֿרים אויערבאַך אין „מאָרגן־זשורנאַל" פֿון 2טן מערץ:

„ס'איז אומפֿאַרשטענדלעך, ווי אַזוי מען קאָן זאָגן מיטן פֿולן ערנסט, אַז ערליך און אַלטער האָבן געדינט אין דער פּוילישער דעפֿענסיווע (געהיים־פּאָליציי) און האָבן אין רוסלאַנד אַנגעפֿירט אַ פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער רויטער אַרמיי. מ'דאַרף ניט זיין קיין גרויסער בר־דעת צו פֿאַרשטיין, אַז דאָס איז אוממעגלעך, אַקוראַט ווי עס איז ניט מעגלעך, אַז סטאַלין אַליין זאָל אינמיטן דער מלחמה פּראָפּאַגאַנדירן די רויטע אַרמיי ניט צו שלאָגן זיך קעגן שונא."

* *
*

אין „פֿאָרווערטס" האָבן אויך פֿאַרעפֿנטלעכט אַרטיקלען וועגן מאָרד און בלבול: ב. שעפֿנער, דוד איינהאָרן, מ. ל. פּאָלין און אַנדערע.

„פֿאָלט דאָס אויג גלייכצייטיק אויףביידע שוידער בשורות פֿון דער צייטונג: אויף דעם ריזיקן ברודער־קבר אין פּוילן, און אויף דעם קליינעם ברודער־קבר אין רוסלאַנד. דו פֿילסט, אַז אין שאָטן פֿון דעם איינזאַמען און עלנדן ברודער־קבר אין רוסלאַנד זעען־אויס פֿיל טראַגישער די מיליאָנען ברידער־קברים אין פּוילן..."

ב. שעפֿנער

* *
*

„צוויי אומשולדיקע מענטשן האָט מען דערהרגעט נישט נאָר פֿיזיש,

נאָר מען האָט זיך פּאַרמאָסטן זיי מאָראַליש צו דערמאָרדן מיט אַ פֿאַלשן נידערטרעכטיקן בלבול.

איז בשעת זיי זענען שוין געלעגן אין קבר פֿאַרשטומט אויף אייביק דורך דער האַנט פֿון תּליון, האָט מען ערשט גענומען באַשמוצן זייער נאָמען, וויסנדיק, אַז טויטע קאָנען זיך ניט פֿאַרטיידיקן. וויפֿיל פֿאַר־ברעכנס זענען דאָ באַגאַנגען געוואָרן?

מען האָט פֿאַרגאָסן דאָס בלוט פֿון אומשולדיקע מענטשן.

מען האָט געשענדעט די גערעכטיקייט דורך פֿאַלשע ריכטער.

מען האָט געזאָגט פֿאַלש עדות קעגן זיי.

מען האָט געשענדעט די אידיי פֿון אַרבעטער־באַפֿרייונג.

מען האָט צוגענומען ביי מענטשן די הייליקע רעכט צו פֿאַר־טיידיקן זיך.

מען האָט נאָכן טויט געשענדעט זייער נאָמען".

דוד איינהאָרן

* *
*

„שווייגן הייסט גוטהייסן די מערדערלעכע האַנדלונג; שווייגן מיינט נישט נאָר גוטגעהייסן דעם מאָרד, נאָר אויך די געמיינע שענדונגען פֿון דעם גאַנצן גלאָררייכן לעבן און מאַרטירער־טויט פֿון אונזערע ליבע און אַזוי טיף געאַכטעטע פֿירער און קעמפֿער פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג — ערליך און אַלטער.

געדענקט! העלפֿן רוסלאַנד באַזיגן דייטשלאַנד איז איין זאַך, און גוטהייסן רוסלאַנדס דערמאָרדונג פֿון ערליך און אַלטער, איז שוין גאָר אַן אַנדער ענין".

מ. ל. פּאָלין

* *
*

אין עדיטאָריעל פֿון פֿעברואַר־מערץ־נומער „דער פֿריינד", אָפֿי־ציעלער אָרגאַן פֿון אַרבעטער־רינג, זאָגט זיך:

„וואָס פֿאַר אַ ביטערע איראָניע דאָס איז, אַז די, וועלכע האָבן זיך געקושט און געהאַלזט אין קרעמל און געבאַנקעטעוועט מיט דעם שליח פֿון הענקער היטלער, מיט דעם אויסערן־מיניסטער ריבענטראָפּ, פֿאַר וועלכן מען האָט געמאַכט פּאַראַדן — אַז זיי באַשולדיקן ערליכן און אַלטערן אין העלפֿן היטלערן. נאָר קענטיק, אַז די פֿירער פֿון מאָס־קווע האָבן פֿאַרלאָרן יעדן געפֿיל פֿון אַנשטענדיקייט און האָבן ניט געהאַט דעם מוט צו זאָגן, אַז זיי האָבן דערמאָרדעט די צוויי פֿירער, ווייל זיי זענען געווען סאָציאַליסטן".

* *
*

י. קענער אין אָרגאַן פֿון די לינקע פּועלי־ציון, „פּראָלעטאַרישער געדאַנק" פֿון 15טן מערץ:

„די הינריכטונג פֿון ערליכן און אַלטערן איז ווייטאָגדיק און שמערצלעך ניט בלויז דערפֿאַר, ווייל צוויי אָנגעזעענע אַנטי־פֿאַשיסטישע קעמפֿער זענען אויף אַן אומזיניקן אופֿן געפֿאַלן פֿון די ביקסן־קוילן מיט וועלכע מען האָט געקאָנט דערשיסן עטלעכע אמתע פֿיינט פֿונם ראַטן־פֿאַרבאַנד, נאָר נאָך מער דערפֿאַר, ווייל די קויבישעווער „ריכ־טער", די „דערשיסער" און די פֿאַקטאָרן, וואָס האָבן דעם מאָרד אינס־פּירירט און אָראַנזשירט, געהערן, ליידער, צום פּראָלעטאַרישן לאַ־גער... ווען אַרבעטער־טוער זענען געמאָרדעט געוואָרן פֿון היטלערן, צי פֿון מוסאָליניך אָדער פֿראַנקאָן, זענען דאָס געווען פֿאַרברעכנס, וואָס האָבן אונז אָנגעפֿילט מיט צער און צאָרן — אָבער ווען אַרבעטער־פֿירער ווערן דערשאָסן פֿון „אייגענע", אַנדערע אַרבעטער־פֿירער, וועלכע שטייען ביים מלוכה־רודער — פֿילן מיר אַ חוץ דעם צער און דעם ווייטאָג, אויך די בושה און די חרפּה, וואָס באַדעקט אונזער צייט און באַהערשט אונזערע געפֿילן"...

* *
*

אין דער „פֿאַרבאַנד־שטימע", אָרגאַן פֿון יידישן נאַציאָנאַלן אַר־בעטער־פֿאַרבאַנד, לייענען מיר:

„די באַשולדיקונג דערגרייכט די העכסטע שטופֿע פֿון פּאָליטישן אַבסורד...

..."דער אַקט קאָן ליידער געבן אַ נייעם וואָפֿן אין די הענט פֿון די רעאַקציאָנערע כּוחות צו באַקעמפֿן רוסלאַנד, און שטערן די האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט אין דעם געמיינזאַמען קאַמף פֿון די דעמאָקראַטישע לענדער מיט רוסלאַנד פֿאַר דער פֿאַרניכטונג פֿון היטלעריזם און פֿאַשיזם.

„...מיר שליסן זיך אָן אין דעם טרויער און ווייטאָג, וואָס דער „בונד" און אַלע סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־כּוחות לעבן איצט איבער אַלס רעזולטאַט פֿון דער הינריכטונג".

* *
*

אין עדיטאָריעל פֿון אַפּריל־נומער „גערעכטיקייט" (אָרגאַן פֿון אינטערנעשאָנעל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן אין אַמעריקע) לייענען מיר:

„מיר האָפֿן, אַז דער מאָרד וועט נישט ענדערן די באַציונגען פֿון דעם אַמעריקאַנער פֿאָלק צו סאָוויעט־רוסלאַנד און אַז די הילף פֿון אַמעריקע פֿאַר סאָוויעט־רוסלאַנד וועט אויף דאָס מינדעסטע נישט פֿאַרקלענערט ווערן. אָבער עס קען פֿון קיינעם נישט פֿאַרלייקנט ווערן, אַז דער פּרעסטיזש פֿון סאָוויעט־רוסלאַנד האָט שטאַרק געליטן דורך דעם ערליך־אַלטער־מאָרד. די קאָמוניסטישע מערדער זענען אויף אַזאַ אופֿן באַגאַנגען אַ פֿאַרברעכן קעגן אַלץ, וואָס איז מענטשלעך און רעכט. זיי זענען אָבער אויך באַגאַנגען אַ פֿאַרברעכן קעגן די אינטערעסן פֿון סאָוויעט־רוסלאַנד, אונטערגראָבנדיק איר פּרעסטיזש".

* *
*

דער זשורנאַל פֿון די פּועלי־ציון „דזשואיש פֿראָנטיער" פֿאַרענדיקט דעם אַרטיקל וועגן דער עקזעקוציע איבער ערליכן און אַלטערן מיט פֿאָלגנדע ווערטער:

„...עס איז דעריבער דער חוב פֿון יעדן, וואָס איז מיט דעם אַלעמען באַקאַנט, צו דערקלערן וואָס אַמשטאַרקסטן, אַז דיביידע הינגעריכטעטע זענען זייער גאַנץ לעבן געווען מוטיקע קעמפֿער פֿאַר סאָציאַליזם און דעמאָקראַטיע".

* *
*

דער אָרגאַן פֿון אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, קאָנגרעס וויקלי, זאָגט אין אַ לייט־אַרטיקל (נומער פֿון 19 מערץ):

„דער כּעס צוליבן הינריכטן אין סאָוויעט־רוסלאַנד די פֿירער פֿון יידישן „בונד" אין פּוילן, הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, איז פֿולשטענדיק באַרעכטיקט. צו באַשולדיקן די דאָזיקע באַרימטע סאָציאַליסטישע פֿירער אין „פֿאַשיזם" אָדער „לאָיאַלקייט צו דייטשלאַנד" איז אַ ציניש רכילות, הייסט צוגעבן אַ גראָבע באַליידיקונג צו אַן אומגערעכטיקייט, וואָס איז נישט צום פֿאַריכטן".

* *
*

„נאַשאַ טריבונאַ", אַ צייטונג פֿון אַ גרופּע פּוילישע יידן, אונטער דער רעדאַקציע פֿון י. אַפּענשלאַק און ד"ר אַ. טאַרטאַקאָווער, שרייבט וועגן ערליך־ און אַלטער־מאָרד:

„די מוראדיקע און אומזיניקע באַשולדיקונג, וואָס ווערט אַרויסגערוקט אויף צו באַגרינדן די הינריכטונג — קען נישט האָבן אַפֿילו אַ שאָטן פֿון וואַרשיינלעכקייט פּנים אל פּנים מיט דער הערלעכער טעטיקייט פֿון די דאָזיקע צוויי פֿירער פֿון די יידישע אַרבעטער־מאַסן

אין פוילן, ס׳זענען צו גוט באַקאַנט די פאַרדינסטן, מסירת־נפש, פאַליטישע אָרנטלעכקייט, ריינקייט פון די כאַראַקטערן פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, ווי אויך זייער אומדערשראָקענער קאַמף קעגן היטלעריזם, אַז מען זאָל קאָנען גלויבן אין דער באַשולדיקונג.

„דאָס פוילישע יידנטום וועט אייביק זיי איינהאַלטן אין זכרון אַלס כלל־טוער, וועלכע פאַרקערפערן דעם דערהויבנסטן אידעאַליזם און טרייהייט אַן גרענעצן צו דער זאַך פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע״.

* *
*

„מיט דער דערמאָרדונג פון די צוויי פירער פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד איז דורך די הערשער פון קרעמל, וועלכע פאַזירן ווי אַן אַרבעטער־מאַכט, ווי טרעגער פון דער סאָציאַליסטישער אידיי און ווי רעגירער פון אַ סאָציאַליסטיש לאַנד — דערלאַנגט געוואָרן אַן איבעריקן מאָל אַ טויט־קלאַפּ דעם ריינעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, וועלכן זיי האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַרניכטן״.

(מערץ־נומער „פאַרויס״ — אָרגאַן פון דער געזעלשאַפט פאַר קולטור און הילף אין מעקסיקע).

* *
*

„דער איינציקער חטא פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער האָט געקענט זיין, אַז זיי זענען בשעתו געווען קעגן סטאַלין־היטלער־פאַקט. זיי האָבן געשריבן קעגן אָט דער שאַנדטאַט און געהאַלטן, אַז ס׳איז געווען אַ פאַרברעכן און אַ שאַנדע פאַר דער וועלט און פאַרן סאָצ. אַרבעטער־קלאַס, קומט דערפאַר דערשאָסן צו ווערן? אויב אַזוי זענען דאָך מיליאָנען, אַ וועלט אַ גאַנצע אונטער דער זעלבער באַשולדיקונג און ווען דער „גרויסער״ פירער וועט באַזיצן די מאַכט, וועט ער זיי אויסשיסן און נאָך צושרייבן פאַראַט.״

י. אייבראַמס („די שטימע״, מעקסיקע).

* *
*

„די ערגסטע שונאים פון סאָוויעטישן רעזשים וואָלטן אים נישט אָפּגעטון אַזוי פיל שאָדן, וויפל זיינע געטרייסטע אָנהענגער, די קאָמוניסטן, האָבן אים איצט אָפּגעטון דורך דער עקזעקוציע פון די צוויי פראָמינענטע יידיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פירער.״

(„דער וועג״, מעקסיקע).

* *
*

„דער „בונד״ אין פוילן האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי וויכטיקע יידישע

פּירער, צו ווענען די יידישע אַרבעטער־מאַסן זענען געווען שטאַרק צוגעבונדן און ווען די מאַסן האָבן געוואָלדיק פֿאַרערט. אָבער אויך די פּאָליטישע קעגנער, קעמפֿנדיק מיט די פֿירער פֿון „בונד" אידעיִש, האָבן געהאַט דרך־ארץ פֿאַר זיי און זיך גערעכנט מיט זייער מיינונג און מיטן גרויסן כּוח וועמען זיי האָבן רעפּרעזענטירט. ערליך און אַלטער האָבן געהערט צו די דאָזיקע בונדישע פּירער, וועלכע האָבן זייער לעבן מקריב געווען פֿאַר דער רעוואָלוציע און וועלכע זענען אויף אַזאַ שוידערלעכן אופֿן אומגעקומען".

מאַרק טורקאָוו („די יידישע צייטונג", 10טן מערץ, בוענאָס איירעס).

* *
*

„אַ גרויסע היסטאָרישע אַחריות ליגט אויף רוסלאַנד, און דע־ריבער פֿילן מיר מיט האַרצווייטאָג די שאַנד, וואָס רוסלאַנד באַגייט מיט אַזעלכע משפּטים און אַזעלכע עקזעקוציעס, ווי מיט די צוויי בונדישע פּירער. דאָס בויערט אין סאַמע האַרץ פֿון דער פֿרייהייט".

א. ל. שוסהיים („אונזער צייט", 5 מערץ, בוענאָס איירעס).

* *
*

„וויקטר אַלטער און הענריק ערליך האָבן אָפּגעלעבט לעבנס פֿון שווערן קאַמף, פֿון תּפיסה, פֿאַרשיקונג און פֿון געפֿינען זיך מיט דעם גאַנצן וועזן אופֿן שאַרף פֿון אַ מעסער און פֿון האָבן דאַמאָקלעסעס שווערד איבערן קאָפּ. זיי האָבן אין די לעצטע יאָרן געווידמעט דאָס בעסטע פֿון זייער לעבן דעם קאַמף קעגן היטלעריזם און זיי זענען אַזוי טראַגיש אומגעבראַכט געוואָרן דווקא דעמאָלט ווען זייער לעבנס־קאַמף איז אַריין אין זיין זיכערסטער פֿאַזע. אַפֿנים אַז דאָס איז אונזערס אַ באַזונדער אומגליק."

יעקב באַטאַשאַנסקי („די פּרעסע", 12 מערץ, בוענאָס איירעס).

ד. די שטים פֿון די פֿאַרשטייער פֿון דער יידישער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק

און אַט איז די שטים פֿון די פֿאַרשטייער פֿון דער יידישער ליטע־ראַטור און פּובליציסטיק. זייער דערקלערונג לייענט זיך אַזוי:

מיר, אונטערגעשריבענע, זענען געוואָרן אויפֿגעטרייסלט פֿון דער ידיעה, אַז די סאָוויעט־רעגירונג האָט אויסגעפֿירט אַ טויט־אורטייל אויף די צוויי פֿאַרדינסטפֿולע, באַרימטע יידישע סאָציאַליסטישע קעמפֿער און אַרבעטער־פּירער, הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער. אַ סך פֿון אונז האָבן די דאָזיקע צוויי אַרבעטער־פּירער פּערזענלעך

גוט געקענט, אַלע אָבער ווייסן מיר וועגן זייער אויסערגעוויינלעכער איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעטער־זאַך און וועגן זייער עקשנותדיקן קאַמף קעגן פֿאַשיזם און היטלעריזם.

מיר וואַרפֿן אָפּ מיט אַנטריסטונג די באַשולדיקונג, אַז ערליך און אַלטער האָבן געפֿירט אַ פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר אַ סעפּאַראַטן שלום מיטן היטלעריסטישן שונא. סיי פֿאַר דער מלחמה, סיי בעת דער איצטיקער מלחמה זענען זיי געשטאַנען אין די פֿאָדערשטע רייען פֿון די אַנטי־שיידענע, איבערגעגעבענע קעמפֿער קעגן נאַציזם. זיי האָבן דאָס געטאָן סיי אַלס סאָציאַליסטן, סיי אַלס יידן.

ערליך און אַלטער זענען אין משך פֿון לאַנגע יאָרן, ביז צום אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, געווען אָנגעזעענע יידישע פּובליציסטן, וואָס האָבן מיט זייער וואָרט געוועקט די יידישע מאַסע און גערופֿן צו קאַמף פֿאַר אירע רעכט. זיי האָבן דורך זייער פּען דער־צויגן צענדליקער טויזנטער צו אַ האַרטן קאַמף קעגן רעאַקציע און פֿאַשיזם.

אין משך פֿון דער קורצער צייט צווישן ערשטן און צווייטן אַרעסט האָבן זיי באַוויזן אַרויסצולאָזן אַ רוף צו די יידישע פּליטים פֿון פּוילן, אַז זיי זאָלן מאַסנווייז אַריינטרעטן אין דער פּוילישער אַרמיי, בכדי צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי צו שלאָגן דעם הויפּט־פֿיינד פֿון דער מענטשהייט. זיי האָבן זיך פֿאַרנומען מיט אָרגאַניזירן אַ יידישן אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט. זיי האָבן טעלעגראַפֿיש געמאָלדן דער אַמעריקאַ־נער יידישער עפֿנטלעכקייט, אַז זיי זענען גרייט ווייטער צו פֿירן דעם קאַמף קעגן פֿאַשיזם און פֿאַר סאָציאַליזם.

מיר פּראָטעסטירן אַמשאַרפֿסטן קעגן באַשמוצן די נעמען פֿון אַזעלכע נאָבעלע יידישע אַרבעטער־פֿירער, וואָס זענען פֿאַר אַ סך יידישע אַרבעטס־מענטשן געווען צענדליקער יאָרן אַ מוסטער פֿון אידעאַליזם.

מיר זענען פֿול מיט באַוווּנדערונג פֿאַר דער העלדישער רויטער אַרמיי, און דערפֿאַר טאַקע איז אַזוי גרויס אונזער ווייטאָג און צאָרן, וואָס אין אַ לאַנד וואָס שטייט איצט צוזאַמען מיט דער גאַנצער דעמאָ־קראַטישער וועלט אין מלחמה קעגן היטלערן, איז אויף אַזאַ אומזיניקן און שרעקלעכן אופֿן פֿאַרגאָסן געוואָרן אומשולדיק בלוט פֿון אַזעלכע אַנטי־פֿאַשיסטישע קעמפֿער ווי העגריק ערליך און וויקטאָר אַלטער.

מיר בויגן מיט ערע די קעפּ פֿאַר די דאָזיקע מאַרטירער.

יעקב אַבראַמאָוויטש, ר. אַבראַמאָוויטש, י. אַדלער (ב. קאָוונער),
אפֿרים אויערבאַך, דוד איינהאָרן, א. אַלמי, י. אַפּאַטאָשו, מ.

אָשעראָוויטש, ב. און ר. באָטווינִיק, ל. באָראָדולין, מנחם באָריי־שאָ, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, ד״ר שלמה ביקל, חנא גאָטעספֿעלד, ד״ר הירש לייב גאָרדאָן, יעקב גלאַטשטיין, אַ. גלאַנץ־לייעלעס, שלמה גראָדזענסקי, נפֿתלי גראָס, ד״ר חיים גרינבערג, מרדכי דאַנציס, ב. דעמבלין, יצחק האָראָוויץ, ח. ה. הורוויץ, ב. וויינשטיין, ד״ר מאַקס ווײַנרײַך, מ. ווינאָגראַד, ש. וועבער, ג. זאַלאָוויץ, ש. צ. זעצער, י. כייקין, אַ. טאַבאַטשניק, יוסף טונקעל, דניאל טשאַרני, א. טשעריקאָווער, י. י. טרונק, טשאַרלס יאָפֿע, מאַרק כינאָי, מלך כמעלניצקי, ד״ר צבי כּהן, ה. לאַנג, ז. ליבין, א. ליריק, דוד ליבערסאָן, מאַני לייב, ה. לייוויק, נ. ב. לינדער, לייבוש לעהרער, י. לעווין־שאַצקעס, יעקב לעשטשינסקי, יוסף מאַרגאָשעס, ד״ר ש. מאַרגאָשעס, ד״ר א. מוקדוני, בן־ציון מיימאָן, נ. ב. מינקאָוו, מ. מלמד, א. מענעס, משה נאַדיר, ש. ניגער, מלך עפּשטיין, ווי־ליאַם פּאָסט, דוד פּינסקי, ד״ר ל. פֿאָגעלמאַן, י. פֿאָגעל, י. פֿאָשקאָ, ל. פֿיינבערג, ל. פֿינקעלשטיין, יעקב פֿישמאַן, ב. צביון, אב. קאַהאַן, נ. קאַנטאָראָוויטש, מ. קאָסאָווער, דן קאַפּלאַן, יוסף פּ. קאַץ, מ. קויפֿמאַן (ק. מיכאל)), י. קיסין, יעקב קירשענבוים, ל. קרישטאָל, יעקב קענער, ד״ר ל. קעסנער, יעקב קרעפּליאַק, הלל ראָגאָף, הערש ראָזענפֿעלד, ש. ראָזענפֿעלד, צ. ח. רובינשטיין, בנימין רעס־לער, ד״ר יעקב שאַצקי, ד. שוב, מאַרק שווייד, זכריה שוסטער, משה שטאַרקמאַן, זלמן שניאור, ב. שעפֿנער, ז. שער און ל. שפּיזמאַן.

די אַרבעטער און זייערע פֿאָרשטייער זאָגן זייער וואָרט

אין אַמעריקע און ענגלאַנד זענען פֿאָרגעקומען אַ ריי גראַנדיעזע מיטינגען פֿון טרויער און פּראָטעסט. טויזנטער מענטשן, פֿאָרשטייער פֿון מיליאָנען אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָבן אויסגעפֿילט די מיטינגען אין ניו־יאָרק, שיקאַגאָ, ווי אויך אין לאָנדאָן און אַ ריי אַנדערע שטעט.

נאָכדעם ווי די גרויסע פֿאַרזאַמלונג אין ניו־יאָרק, וואָס איז אָרגאַ־ניזירט געוואָרן דורך אַ קאָמיטעט פֿון 250 פֿירער און טוער פֿון די יוניאָנס פֿון אַמעריקען פֿעדערײשאָן אָוו לייבאָר און סי. איי. אָ., האָט אויסגעהערט די רעדעס פֿון מעיאָר לאַ גוואַרדיאַ, סענאַטאָר מיד, וויליאַם גרין, דזש. ב. קערי, דוד דובינסקי, אב קאַהאַן, ש. מענדעלסאָן, פּראָפֿ. ר. ניבור, אַדאָלף העלד און י. ב. סאַלוצקי־האַרדמאַן, איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן פֿאָלגנדע רעזאָלוציע:

מיר, 3500 מיטגלידער און דעלעגאַטן פֿון אַרבעטער־יוניאָנס און פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פֿאַרמאָגן צוזאַמען אַ מיטגלידער־

שאַפֿט פֿון אַ האַלבן מיליאָן, פֿאַרזאַמלטע אין מעקאַ־טעמפּל דעם 30טן מערץ 1943, דריקן אויס אונזער פֿאַרביטערונג און פּראָטעסט קעגן דער הינריכטונג פֿון די באַרימטע אַרבעטער־פֿירער פֿון פּוילן הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, וואָס איז אויסגעפֿירט געוואָרן אויפֿן באַפֿעל פֿון אַ מיליטערישן געריכט אין סאָוויעט־רוסלאַנד. מיט צאָרן ווייזן מיר צוריק די אָנקלאַגע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פֿונם געריכט אַלס אַ באַגרינדונג פֿון דעם אורטייל,

„אַז ערליך און אַלטער זאָלן האָבן אונטערגעהאַלטן וועלכע עס איז פֿאַרבינדונגען מיט די נאַציס;

„אַז ערליך און אַלטער זאָלן האָבן סימפּאַטיזירט מיט נאַצישע שטרעבונגען אָדער מיט וואָס נישט איז, וואָס האָט אַ שייכות צו נאַציזם;

„אַז ערליך און אַלטער זאָלן כּלומרשט נישט זיין איבערגעגעבן מיטן גאַנצן האַרצן צו דער מלחמה־אָנשטרענגונג פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער, סאָוויעט־רוסלאַנד בתוכם, אין דער איצטיקער מלחמה אויף לעבן און טויט קעגן די אַקס־מלוכות.

„טויזנטער צווישן אונז האָבן פּערזענלעך גוט געקענט אָט די צוויי אַרבעטער־פֿירער פֿון פּוילן און אונז אַלעמען איז זייער גוט באַוווּסט זייער טעטיקייט פֿאַר לאַנגע יאָרן, אַלס קעמפֿער קעגן היטלעריזם, קעגן פֿאַשיזם און קעגן יעדער פֿאָרם פֿון אונטערדריקונג און ברוטאַליטעט.

„קענענדיק אויסגעצייכנט די ביידע קעמפֿער פֿאַר פֿרייהייט, זייענדיק איבערצייגט אין זייער אומשולד און רעכענענדיק זיך מיט די באַווייזן פֿון זייער לאָיאַלקייט צו אַלץ וואָס מיר האַלטן פֿאַר טייער, שליידערן מיר צוריק די באַגרינדונג פֿון דעם מאָרד־אורטייל. נישטאָ ביי אונז דער קלענסטער שאָטן פֿון חשד אָדער ספֿקות אין דער אומשולד פֿון די ביידע הינגעריכטעטע מענער פֿון אַרבעט.

„מיר טרויערן אויפֿן טויט פֿון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער אַלס אַ גרויסע אבדה פֿאַר דער זאַך פֿון אַרבעט, דעמאָקראַטיע און מענטשלעכקייט. כּדי עס זאָל נישט מיספֿאַרשטאַנען אָדער בייזוויליק אויסגעטייטשט ווערן אונזער פּראָטעסט — דורך נאַצישע אַגענטן, וואָס ווילן אַריינטראָגן אַ צעמישעניש אין דער עפֿנטלעכקייט און מיספֿאַרשטענדענישן צווישן די פֿאַראייניקטע פֿעלקער — דערקלערן מיר פֿייערלעך, אַז נישט געקוקט אויף דער שוידערלעכער אומגערעכטיקייט, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן דורך דער הינריכטונג פֿון די צוויי געטרייע טוערס פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג, זענען מיר ווייטער. אַזוי

ווי ביז אַהער, לאָיאַל איבערגעגעבן צו די קלאָרע צילן, וועלכע עס שטעלט זיך דער בונד פון אונזער לאַנד מיט סאָוויעט־רוסלאַנד און מיט אַלע פאַראייניקטע פעלקער, אַזוי ווי אַט די צילן ווערן איבערגע־געבן אין אַטלאַנטיק־טשאַרטער און אויסגעטייטשט פונם פרעזידענט רוזוועלט.

„אונזער רעאַגירן אויף אַט דער טראַגעדיע וועט אונז נישט אָפּ־האַלטן דערפון צו שטעלן אין דינסט פון די פאַראייניקטע פעלקער אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן: כּבוד, אַרבעט, לעבן! אויך קאָן און וועט דער שווידערלעכער אורטייל און די הינריכטונג פון אונזערעביידע פריינט און קאַמפּס־ברידער, דורכן סאָוויעטישן געריכט, נישט מינערן אונזער באַוווּנדערונג פאַר די העראָישע איבערמענטשלעכע דערגרייכונגען פונם רוסישן פאָלק און פון די רוסישע אַרמייען אין דעם איצטיקן טיטאַנישן קאַמף קעגן נאַציזם און אונטערדריקונג און פאַר פרייהייט.

„אַלס פרייע בירגער פון אַ פרייער דעמאָקראַטישער מלוכה האַלטן מיר עס נישט בלויז פאַר אונזער רעכט, נאָר אויך פאַר אונזער פליכט צו פּראָטעסטירן קעגן דער גרויסער אומגערעכטיקייט, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן פון אַ פאַרבינדעטער מלוכה, אין דער צייט ווען מיר קעמפן צוזאַמען מיט אַלע אונזערע פאַרבינדעטע פאַר דעם זעלבן ציל, פאַר אַ געמיינזאַמען אַנטשיידנדיקן זיג״.

* *
*

אַ גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָטעסט־מיטינג איז פאָרגע־קומען דעם 28טן מערץ אין לאָנדאָן. פאָרזיצער פון מיטינג איז געווען דער פירער פון דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי דזשאָרדזש דאַלאָס. עס האָבן געבערענגט צום אויסדרוק דעם פּראָטעסט פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג קעגן ערליך־אַל־טער־מאָרד די באַרימטע סאָציאַליסטישע פירער קאַמיל הויסמאַנס און לויִס דע ברוקער. אין נאָמען פון די פּוילישע און יידישע אַרבעטער האָבן גערעדט אַדאַם טשאַלקאַש, אַדאַמטשיק און ש. זיגעלבוים.

* *
*

ס׳וואָלט צופיל פּלאַץ פאַרנומען, ווען מיר זאָלן דאָ ברענגען די הונדערטער טרויער־ און פּראָטעסט־רעזאָלוציעס, וואָס פאַרשידענע פּאָליטישע, טרייד־יוניאָניסטישע און פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער האָבן אָנגענומען נאָכן דערוויסן זיך די שרעקלעכע ידיעה וועגן דער הינריכטונג פון די צוויי פירער פון „בונד״. אויספירלעכע רעזאָלוציעס, וואָס גיבן אַן אָפּשאַצונג פון מאָרד

און ברענגען צום אויסדרוק דעם טיפֿן ווייטאָג און שאַרפֿן פּראָטעסט, האָבן צווישן אַנדערע אָנגענומען דער אַרבעטער־רינג (די אָנפֿירונג און אַ גרויסע צאָל ברענטשעס); דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט; אַ ריי לאָקאַלס און דזשאָינט־באָרדס פֿון די יוניאָנס; סטייט־עקזעקוטיווס פֿון אַמעריקען פֿעדערײשאָן אָוו לייבאָר און סי. איי. אָ., ווי אויך פֿיל אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און אין אַנדערע לענדער. פֿון די הונדערטער פּראָטעסט־רעזאָלוציעס און דערקלערונגען, פֿאַר וועלכע מיר האָבן, ליידער, נישט קיין פּלאַץ, וועלן מיר דאָ ברענגען בלויז צוויי.

דערקלערונג פֿון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פֿון אַרבעטער־רינג

„די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט אויפֿגענומען די ידיעה וועגן דער הינריכטונג פֿון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער מיט טיפֿן צער און ווייטאָג פֿאַר די יונג־פֿאַרלאָרענע לעבנס פֿון די צוויי מענטשן, וועלכע האָבן זייער גאַנצן לעבן געווידמעט דעם קאַמף פֿאַר סאָציאַליזם, און די לעצטע צען יאָר, דעם קאַמף קעגן פֿאַשיזם אין אַלע זיינע פֿאָרמען.

גלייכצייטיק האָט דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פֿון אַרבעטער־רינג אויסגעדריקט זיין טיפֿן פּראָטעסט קעגן די, וואָס זענען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דעם שוידערלעכן מאָרד.

אַלטער און ערליך האָבן עטלעכע מאָל באַזוכט אַמעריקע, זענען געווען די געסט פֿון אונזער אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן באַזוכט אונזערע ברענטשעס איבער גאַנצן לאַנד, זענען געקומען אין נאָענטער באַרירונג מיט אונזער מיטגלידערשאַפֿט. עס איז נאָך פֿריש אין אונזער זכרון די רעדעס, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן פֿאַר אונזער ברייטער מיטגלידערשאַפֿט קעגן פֿאַשיזם, קעגן דיקטאַטור. זיי האָבן אונזער מיטגלידערשאַפֿט גערופֿן צום קאַמף פֿאַר פֿרייהייט, פֿאַר דעמאָקראַטיע, פֿאַר אמתן יושר און גערעכטיקייט. קענענדיק זייער גוט די צוויי מאַרטירער, ערליך און אַלטער, זייענדיק געטרוי באַקאַנט מיט זייער גאַנצער לעבנסטעטיקייט, שליידערן מיר צוריק דעם ווילדן און העסלעכן בלבול, וואָס די סאָוויעטן־רעגירונג וויל אַרויפֿוואַרפֿן אויף די רעקאָרדס און אויף די נעמען פֿון די צוויי קדושים, וועלכע האָבן אַזוי אויפֿריכטיק און ערליך געקעמפֿט פֿאַר אַלץ וואָס איז שיין, פֿאַר אַלץ וואָס איז מענטשלעך און יושרדיק אין לעבן.

דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פֿון אַרבעטער־רינג פֿאַרפֿליכטעט זיך צו טון אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך, ניט צו דערלאָזן, אַז

די נעמען פֿון די צוויי הייליקע מאַרטירער זאָלן פֿון דער סאָוויעטן־רעגירונג פֿאַראומווירדיקט ווערן; מיר פֿאַרפֿליכטן זיך צו מאַכן יעדע מענטשלעך־מעגלעכע אָנשטרענגונג די נעמען פֿון די צוויי מאַרטירער צו פֿאַראייביקן און הייליק צו האַלטן.

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פֿון אַרבעטער־רינג פֿאָדערט אויף אַלע צווייגן פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אַלע אויפֿריכטיקע ליבעראַלע עלעמענטן איבערן לאַנד צו געפֿינען אַ וועג פֿון העפֿטיקן פּראָטעסט קעגן דעם גרויזאַמען אַקט פֿון מאָרד, וואָס די סאָוויעטן־רעגירונג איז באַגאַנגען קעגן די צוויי אומשולדיקע מענטשן".

דערקלערונג פֿון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט

„דער אַמעריקאַנער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט אויפֿגענומען די שרעקלעכע ידיעה וועגן דער הינריכטונג, דורכן סאָוויעטישן העכסטן געריכט, פֿון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, מיט דער טיפֿסטער דערשיטערונג. די מיטטיילונג פֿון דער סאָוויעטן־רעגירונג, אַז די צוויי רומפֿולע קעמפֿער, ליטערע פּערזענלעכקייטן זענען געווען אַגענטן פֿון דער פּוילישער געהיים־פּאָליציי און האָבן געאַרבעט צווישן די רויטע אַרמייער אין סאָוועט־רוסלאַנד פֿאַר אַ סעפּאַראַטן שלום מיט היטלערן, באַטראַכטן מיר פֿאַר אַ גרויזאַמען בלבול, פֿאַר אַ שענדונג פֿון די מאַר־טירער נאָך זייער אומקום.

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע האָט די אומגעבראַכטע גוט געקענט אין פֿאַרלויף פֿון לאַנגע יאָרן. זיי האָבן אייניקע מאָל באַזוכט אונזער לאַנד, זיי זענען געווען די געסט פֿון אונזער אַרבעטער־באַוועגונג און האָבן אַפּעלירט נאָך הילף אין קאַמף מיט פֿאַשיזם, נאַציזם און אַנטיסעמיטיזם אין אייראָפּע. זיי זענען געווען גע־אַכטעט און באַליבט ביי צענדליקער טויזנטער אַמעריקאַנער בירגער, זיי זענען געווען האַרציק באַפֿריינדעט מיט די אַרבעטער־פֿירער פֿון אונזער לאַנד.

מיר, אין יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, קענען גוט דעם רעקאָרד פֿון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער. פֿיל פֿון אונז זענען געווען זייערע נאָענטסטע פֿריינט, פֿיל פֿון אונז זענען געווען זייערע תּלמידים אין דער לערע פֿון פֿרייהייטס־קאַמף, פֿון קאַמף פֿאַר גערעכטיקייט און דעמאָקראַטיע. נישט ווייניק פֿון אונז האָבן באַזוכט אין משך פֿון די לעצטע יאָרן פּוילן און געזען דאָרט די צוויי ליכטיקע פּערזענלעכקייטן ביי זייער אַרבעט, געווען עדות פֿון דער אַלגעמיינער אַכטונג און ליבע, וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט. זייער רומפֿול לעבן איז געווען פֿאַר אונז

אַן אָפֿן בוך — עס איז געווען אַ לעבן פֿאַרן פֿאָלק, ווען זיי האָבן געדינט ערלעך און געטריי. מיר וואַרפֿן אָפּ אויף דעם קאַטעגאָרישסטן אופֿן די זינלאָזע און ווילדע באַשולדיקונג, אַז זיי זענען געווען אַגענטן פֿון דער פּוילישער געהיים־פּאָליציי און האָבן געאַרבעט פֿאַר אַ סעפּאַראַטן שלום מיט היטלערן. קיינעם וועט זיך נישט איינגעבן צו וואַרפֿן אַ פֿלעק אויף זייער אַבסאָלוטער טרייקייט צו די אידעאַלן פֿון פֿרייהייט, פּראָגרעס און מענטשלעכקייט.

נעמענדיק די אַחריות פֿאַר דער ריינקייט און נאָבלקייט פֿון די צוויי קדושים, פֿאָדערן מיר פֿון די, וואָס באַשמוצן זייער קרישטאָל ריינע נעמען אין דער אַמעריקאַנער עפֿנטלעכקייט, אַז זיי זאָלן אַרויסקומען מיט פֿאַקטישע באַווייזן!

מיר באַטראַכטן די הינריכטונג פֿון ערליך און אַלטער פֿאַר אַ טאָפּלטן מאָרד — אַ פֿיזישן און אַ מאָראַלישן. דאָס דערקלערן, אַז די צוויי אומגעבראַכטע האָבן געאַרבעט פֿאַר אַ סעפּאַראַטן שלום מיט היטלערן, באַטראַכטן מיר ווי אַן אַרויסרוף ניט נאָר צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן, צו די, וואָס גיבן איצט אַוועק זייער לעבן אויף די פּוילישע פֿעלדער און אין די פּוילישע שטעט, נאָר עס איז אויך אַן אַרויסרוף צו אונז אַלע, וואָס זענען אין פֿאַרלויף פֿון לאַנגע יאָרן פֿאַרבונדן געווען מיט זיי אין געמיינזאַמע פֿרייהייטס־אידעאַלן. דער אַמעריקאַנער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, וואָס האָט געטאָן ביז איצט אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך געווען און וועט אויך ווייטער טאָן אַלץ אין דער איצטיקער וועלט־מלחמה, אין דעם קאַמף מיט אונזערע נאַצישע און יאַפּאַניש־נאַצישע שונאים, גיט זיך אָפּ, מיט טיפֿסטן באַדויערן, רעכענונג פֿון דעם שאָדן, וואָס עס האָט געבראַכט דער טאָפּלטער מאָרד פֿון ערליך און אַלטער אונזער אַלגעמיינעם קאַמף פֿאַר פֿרייהייט און גערעכטיקייט.

מיר דריקן אויס אונזער פּראָטעסט קעגן זייער הינריכטונג, אונזער צער צוליב זייער טויט און מיר דערקלערן: טראָגנדיק דעם ליכטיקן אָנדענק פֿון די אומגעקומענע אין אונזערע הערצער, וועלן מיר פֿאַרטזעצן צו ברענגען די גרעסטע קרבנות אין קאַמף, וואָס אונזער לאַנד פֿירט צוזאַמען מיט די פֿאַראייניקטע פֿעלקער פֿאַר פֿרייהייט און גערעכטיקייט, קעגן געוואַלד און דיקטאַטור”.

דער משפּט פון דער וועלט

ווער זאָגט עס, אַז לית דין ולית דיין?

מעג מען די צוויי מאַרטירער האָבן אומגעברענגט געהיים, אָן אַ נאָרמאַלן משפּט לויט די ציוויליזירטע באַגריפן פון גערעכטיקייט, ס׳איז דאָ אַ העכערע אינסטאַנץ — דאָס ווירקלעכע העכסטע געריכט — די עפנטלעכע מיינונג פון דער וועלט, און דאָס דאָזיקע העכסטע געריכט האָט אַרויסגעטראָגן דעם פּסק־דין:

צוויי גרויסע מענטשן זענען אומשולדיק פאַרניכטעט געוואָרן, זייערע גוטע נעמען פרווון בלבולים־מאַכער פאַראומרייניקן!

די מערדער און זייערע משרתים ווילן זיך באַהאַלטן הינטער די רומרייכע מעשים פון דער רויטער אַרמיי, הינטער די אומגעהויערע קרבנות פון די סאָוויעטישע פעלקער. וואָסער געמיינהייט! וואָסער פּחדנות!

עס איז איבעריק דאָ צו דערקלערן, ווי הייליק ס׳איז דער קאַמף, וואָס סאָוויעט־רוסלאַנד פירט קעגן פאַשיסטישן שונא, ווי נויטיק ס׳איז אונטערצושטיצן מיט אַלץ, וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך, די העראָאישע און קרבנותפולע קאַמפן פון די סאָוויעטישע אַרבעטער און פויערים. אָבער נישט זיי, די סאָוויעטישע אַרבעטער און פויערים, האָבן געדאַרפט דעם מאָרד איבער ערליכן און אַלטערן, נישט זיי האָבן דאָס געוואָלט, נישט מען האָט ביי זיי געפרעגט און נישט מען האָט זיי אפילו אַחר המעשה וועגן דעם דערציילט. טאָ זאָלן די קאָמוניסטישע פירער נישט מאַכן פון די בערג געפאַלענע אויף די שלאַכטפעלדער פון רוסלאַנד אַ פאַראַוואַן פאַר זייערע פאַרברעכנס.

ס׳איז תמיד געווען דער הייסטער באַגער פון ערליכן און אַלטערן און פון זייער פּאַרטיי — דעם „בונד״ צו זען דעם ראַטן־פאַרבאַנד אין דער משפּחה פון די דעמאָקראַטישע פעלקער אין איין פראָנט קעגן היטלעריזם און רעאַקציע. יאָרן לאַנג האָבן זיי אין וואָרט און שריפט דערפאַר געקעמפט. די קאָמוניסטישע פירער האָבן פון די אַנטי־פאַשיסטישע רייען אַרויסגעריסן צוויי פון די בעסטע און לײַדנשאַפט־לעכסטע פרייהייטס־קעמפער און זיי אומזיניק דערמאָרדעט.

און געשען איז דאָס אין אַ צייט, ווען די יידישע מאַסן, וועלכע ערליך און אַלטער האָבן יאָרן־לאַנג פאַרטרעטן, ווערן בעסטיאַליש אויס־געמאָרדעט דורכן געמיינזאַמען שונא — דעם היטלעריזם. דאָס מאַכט דעם סאָוויעטישן פאַרברעכן נאָך שענדלעכער. דאָס איז אַ שפּיי אויף די קברים פון די יידן אין די פּוילישע שטעט און שטעטלעך, וועמענס באַגייסטערער און וועגווייזער ערליך און אַלטער זענען געווען.

אין דער זעלבער צייט, ווען היטלער מאָרדעט אויס די יידישע באַ־פעלקערונג, האָט סטאַלין אומגעבראַכט אירע פירער. קיין גרעסערע לעסטערונג פון אונזער מאַרטירערישן פאָלק האָט אַפילו דער טייוול נישט געקענט צוטראַכטן.

פון די פינצטערסטע צייטן פון דער מענטשלעכער געשיכטע ציט זיך די טראַגעדיע פון ברודער־מאָרד. די ביבל דערציילט, אַז ווען דער ערשטער מענטשן־זון, דער בן־אָדם — קין האָט דערהרגעט זיין ברו־דער הבל, האָט גאָט צו אים געזאָגט: — „וואָס האָסטו געטון? דער קול פון דיין ברודערס בלוט שרייט צו מיר פון דער ערד".

דער קול פון אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער שרייט צו יעדן פון אונז, מאָנט און רופט, און שטעמפּלט דעם היינטצייטיקן קין מיטן צייכן פון ברודער־מאָרד!

די מענטשהייט וועט די מאַרטירער קיינמאָל נישט פאַרגעסן און די מערדער — נישט פאַרגעבן!